LIDER UN POEMES

David Hofstein

•



0-657-07039-4

D:\YIDDISH\TITLES\9780657070397T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דוד האָפּשטיין / לידער און פּאָעמעס

באַנד צוויי

דוד האָפּשטיין

לידער און פּאָעמעס

באַנד צוויי



פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ז — 1977


DAVID HOFSTEIN / POEMS
Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

דוד האָפשטיין / לידער און פּאָעמעס
צווייט בענד
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך״, תל־אביב, רח׳ איתמר בן־אבי 4



Printed in Israel 1977 נדפס בישראל

דפוס „להב״ בע״מ, תל־אביב, טל. 36564



ג

פאַרבאָרגענע שײַן

1932-1929

פון די ביכער:

פון אַלע מײַנע װעלטן

געזאַמלטע װערק, ב׳ 1—2

פון אַלע מײַנע װעלטן

*

איז ערגעץ נאָך אַזוי אי שטרענג, אי ליכטיק,
אי קלאָרע װאַרעמקייט, װאָס מאַכט דיך גיריק־שטײַף,
אי שאָטנס פון אַ קעלט, װאָס קומט און זאָגט:
זײַ גיריק און געהיט —
ס׳איז יעדער טראָט דאָ װיכטיק...
אי שאָטנס פון אַ קעלט,
װאָס קומט און שטרענג פאַרזאָגט,
אַז יעדער זאַך דאָ אין די װעלטן,
אין גיריקייט און שטײַפקייט,
איר ברייט, איר לענג פאַרמאָגט,
און נאָך דער רײַפקייט אויך אַ צײַט פון װעלקן גייט...

איז ערגעץ נאָך אַזוי אי שטרענג, אי ליכטיק!
איז ערגעץ נאָך אַזוי דער װעג אי װײַט, אי ברייט פאַרלאָזט.
און דאָך אַזוי באַװאָרנט מיט אַ ראַנד,
װאָס זאָגט:
זײַ גיריק און געהיט,
נאָך דיר, מיט דיר באַנאַנד אַ צװייטער גייט.
און ס׳איז דײַן טראָט
געקניפּט
מיט מענגען
טריט.

איז ערגעץ נאָך אַזוי אי שטרענג, אי ליכטיק,
ווען אַלץ, וואָס איז מיט שוועריקייט באַשמידט,
ווערט דורכזיכטיק און קלאָר,
ווען ס׳דאַכט זיך אויס:
די שײַן, וואָס העלט זיך אָן אַ ברעג,
מאַכט דורכזיכטיק די אינגעווייד פון דר׳ערד,
ווען וואָלקנס קומען אָן און טראָגן האַרבסט און רעגן,
דער רעגן, וואָס באַווייַנט און ראַמט, באַגיטיקט און פאַרפלאַנצט.
ווען וואָלקנס קומען אָן, נאָר זײַנען גרייט דערוויַיל
דורך יעדן טונקלען קנויל
זי דורכלאָזן, די קלאָרע הייר,
אויף נאָך אַ גוטן נייג,
אויף נאָך אַ ווונק מיט בלויען אויג,
אויף נאָך אַ שמייכל
מיט העלן קוועלנדיקן מויל.

איז ערגעץ נאָך אַזוי אי שטרענג, אי ליכטיק !..

פרילינג

פון גרויסע קרעפּטן דער טויש —
ער האָט איין שטילן נאָמען.
פון פרישע טראָפּנס דער רויש,
דער רויש פון ערשטע שטראָמען.

פון ערשטן דונער דער קויק,
די שייַן פון ערשטע בליצן,
דער בליק פון יונגן אויג,
די ערשטע ליבע־קריצן —

אויף אַלעם דעם איין וואָרט
מיר זאָגן: פרילינג, פרילינג!
פון אָנזאָג דער אַקאָרד,
פון אָנזאָג און דערפילונג.

אויף אַלעם דעם איין וואָרט —
פון צוויי נאָר שטילע זילבן,
אויף אַלעם דעם איין וואָרט
פון מענטשן־קלאַנגען זיבן.

ווי אָרעם און ווי רייַך!
בלויז מענטשן־קלאַנגען זיבן.
אָ, שפּראַך, מייַן קיניגרייַך,
אָ, שפּראַך, מייַן לייַב, מייַן לעבן!

באַגינען

(אַ לירישער דיאַלאָג און אַ פּאַטאָשפּיל מיט אַלע פאַרבן פון רעגן-בויגן)

פאַרן אָנהייב פון מענטשלעכן באַפרײַענדיקן קאַמף. אַ גרויער בײַנאַכטיקער פאָן. פון רעכטס עטלעכע פעלדזן-סילועטן. אַ שטילער ווינט-געוויש. פון ווײַטנס דערטראָגן זיך אָפּגעהאַקטע טריט; זעלטן — אַ געקלאַנג, ווי פון אַ גרינגער קייט.

מ ע נ ט ש — אין די אויגן אַ ברייטע אָפענע פאַרלאָרנקייט, און אין דער זעלבער צײַט אַ גרויסע אָנגעשטרענגטקייט, גייט אַרויס פון רעכטס, שטעלט געהיט די טריט.

ב אַ ג י נ ע ן - ש ײַ ן — לינקס, אומבאַוועגלעך.

אַ הויכע צעשוווּמענע פיגור רעדט, ווי פון אַ הייך. בײַם אָנהייב באַלײַכט זי שוואַך דעם מענטשנס פּנים. אַליין בלײַבט זי שטענדיק אין אומקלאָרע קאָנטורן, און נאָר איר שטים באַווײַזט סימנים פון אונדז, מענטשן, באַקאַנטער לײַדנשאַפט-לעכקייט. די פאַרבן-שפּיל, וואָס שטאַמט פון איר, באַגלייט אירע רייד.

מ ע נ ט ש :

(פרעגט אויפהייבנדיק זײַן פּנים צו דער זײַט פון דער שוואַכער רעפלעקטאָרישער ליכט, וואָס גייט פון דער זײַט פון באַגינען-שײַן)

ווער שוועבט
איבער גרוי,
איבער נאַכטן-רוּינען?
ווער גייט עס?
ווער קלינגט עס
מיט גאָלדן,
מיט גינען?

קלינג-קליאַנג
און קליאַנג-קלינג
און קיין הילך
פון קיין טראָט,
אַ רינג רופט אַ רינג
און אַ שווײַג.

און אַ שווייַג
און אַ שאָט
מיט פאַרהוילענע רגעס פון וואַרטן...

ווער שוועבט דאָרט,
ווער שפּאַנט
איבער גרוי פון בייַנאַכטן?
וווּהין איז זייַן פּנים געווענדעט?
און ווער דאָרט זייַן טראָט
האָט געפּענטעט
מיט גינען,
מיט גאָלדן?

קלינג־קליאַנג
און קליאַנג־קלינג
און קיין הילך פון קיין טראָט,
אַ רינג רופט אַ רינג,
און אַ שווייַג.
און אַ שווייַג
און אַ שאָט
מיט פאַרבאָרגענע צווישענע רגעס...

אין דער מיט
פון דער נאַכט
וואַכט מייַן וועזן
און וואַרט
אַלץ אויף דעם,
וואָס דאָרט שפּאַנט
איבער נאַכטיקע הוילן,

וואָס קיין נאָמען
נאָך האָט,
וואָס קיין הילך
גיט זײַן טראָט,
וואָס זײַן וועג איז
פֿאַרהוילן...

באַגינען־שײַן:

קאָנסטו וואַרטן,
קאָנסטו פֿרעגן,
קאָנסטו שטעלן
פֿראַגעס האַרבע,
קאָנסט בײַ נאַכט שוין זײַן אַ וועכטער —
דאַרפֿסטו קאָנען,
קאָן אויך הערן!
ניט נאָר ווערטער,
ניט נאָר קלאַנגען,
נאָר אויך פֿאַרבן...
האָסטו הײַטלער,
האָסטו ווײַעס
אויף באַשיצן
דײַנע בליקן,
קאָן זשע וואַרטן
ביז ס'וועט שיקן
דער פֿרימאָרגן
זײַנע בליצן.
ביסטו קלאָר שוין,
ביסטו לויטער,
וועסטו שוין

אין האַרץ פאַרשליסן,
ווען סטו שוין אין זיך פאַרבאָרגן
די סימנים פון פרימאָרגן.
ווען סטו אים,
דעם פריִען מאָרגן,
אויך אין גלי פון טאָג
דערקענען,
ווען סטו אים
אין גרוי פון אָוונט
קאָנען ווייַזן,
קאָנען פילן
נאָענט, נאָענט.
ווען סטו אים
אויף שוואַרצע פעלדער
פון בייַנאַכטן
אויך געפינען,
שטענדיק,
שטענדיק
ווען סטו וואַרטן
אויף באַגינען.

מ ע נ ט ש :

(ווערט ווי אויפגעוואַכט, זייַן פּנים ווערט באַזינט)

און וואָס איז איצט,
און וואָס איז איצט אַרום ?
איך ווייס,
עס הייסט :
— גרוי. —

באַגינען־שײַן:

גרוי, גרוי
שמירט דײַן פּנים
אויף פֿאַרגעסן,
דריקט דײַן בליק
און וויל פֿאַרמישן
ווײַס,
ווײַס,

(אַ פֿאַס ליכט שנײַדט דורך דעם גרויען פֿאָן)

וואָס
האָט שוין פֿאַרבן אַלע,

(עס לעשט זיך אויס דער לעצטער פֿאַס. דער פֿאָן ווערט נאָך פֿינצטערער ווי פֿריער)

אַלץ, וואָס שענקט אונדז
זון־ראָד ווײַטע
מיט דעם אַש
פֿון נאַכט,
פֿון שטענדיק,

(אַלע פֿאַרבן פֿון רעגן־בויגן ווײַזן זיך איינע נאָך דער אַנדערער אין האָריזאָנ־טאַלע פֿאַסן)

מיט דעם שטומען אַש
פֿון אייביק.

מענטש:
(אַלץ לעבעדיקער און לעבעדיקער)

ווײַס...
איך קען עס:
איר לײַב איז פֿון ווײַסן,
און פֿעדעם פֿון מילך
פֿון מוטערשע ברוסטן —

זיי זײַנען פון ווײַסן...
ווײַס איז מיר טײַער —
נאָר וואָס איז דאָס שטענדיק,
נאָר וואָס איז דאָס אייביק ?

אַז בלינד איז מײַן פּנים,
געשמידט — מײַנע טריט
בײַ די שוועלן פון אָוונט
צום אָרט, וווּ געטראָפן ;
און וואָס איז דאָס אייביק ?
אַז שטרויכלונגען קומען
און רינגלען אַרומעט
און דראָען פון נאָענט,
און דראָען פון ווײַטן ?
און קעץ פון געפאַרן
זיי לאָקערן באַלד שוין :
אויך זיי זײַנען בלינדע,
אָן שײַנען אין אויגן,
נאָר ס׳רופט זיי מײַן אָנמאַכט,
צו אָנמאַכט צו מײַנער
זיי ווערן געצויגן ?

באַגינען־שײַן :
(לאַכט, פּאָספאָריש ליכט ברעקלט זיך אַרום און אַרום)

דעם שטענדיק,
דעם אייביק,
מײַן שׂונא מײַן שוואַרצן
אָט אים ווילסטו קענען ?
אומזיסט איז דײַן פרעגן,

אומזיסט איז דייַן זוכן —

— — — — — — — —

אַ ברעקל פון שטענדיק
האָסטו דאָך געקראָגן
אין שטומען, אין פוסטן,
אין רונדן שוואַרצאַפּל.
ער ברייטערט זיך דורשטיק,
ווי נאָר עס ווערט טונקל
און גרייט איז צו שלינגען
די פינצטערע טראָפּנס
פון שטענדיק,
פון אייביק...

— — — — — — — —

גענוג פאַר דיר, מענטש דו,
דו האָסט שוין אַ ברעקל פון אייביק
אין רונדן, אין פוסטן שוואַרצאַפּל,
גענוג שוין
פאַר בענקען,
גענוג שוין
פאַר שפּאַנען
אויף שאַרף
פון „פאַרשוווּנדן"...

— — — — — — — —

ניט דאָס איז דיר נייטיק!
דו נייג נאָר דייַן אויער:
דו ווייסט, וואָס איז מורא,
דו ווייסט, וואָס איז פּחד.

— — — — — — — —

חוץ מורא, חוץ שרעק

און חוץ פּחד
געדענק־זשע: —
איז מוט נאָר פאַראַנען;
חוץ שטענדיק,
חוץ אייביק,
חוץ גרויען אָן אויפהער,
נאָר ר ו י ט ס
(דער גאַנצער פאָן פאַררויטלט זיך)
דאָ געוועלטיקט
און אָנזאָגן העלע
(אין רויטלעכן פאָן הייבן אָן שוועבן העלע שטרײַפן)
דאָ בלאָנדזשען
און שפינען
פון פאַרבן פון אַלע:
פון פיאָלעטן — (אַ פּאַס פיאָלעט־שײַן)
פון בלויען — (אַ פּאַס בלויע שײַן)
פון בלאָוון — (אַ פּאַס בלאָווע שײַן)
פון גרינעם — (אַ פּאַס גרינע שײַן)
פון געל — (אַ פּאַס געלע שײַן)
פון אָראַנזש — (אַ פּאַס אָראַנזשע שײַן)
און פון רויטן — (אַ פּאַס רויטע שײַן) —
פון פאַרבן פון אַלע
איין זויבערע מעשׂה
(איין העלער פּאַס; דער מענטש שטייט אין ליכט)
פון זײַן
פון געבוירן...
געדענק־זשע!
אַ מעשׂה פון זײַן,
פון געבוירן

אין גרויסער אין גרויער
געפענקעניש פון וועלקן.

(עס לעשט זיך די ליכט)

נו, נייג־זשע דײַן אויער,
גרויס איז די גרויקייט,
וואָס שטויבט זיך
און שיט זיך אָן אויפהער
און פלעכט זיך און שטרײַפּט זיך
אין האָר און אין קנייטשן פון לײַב,
אין רונצלען אויף אַ שטערן אַ מידן,
אין רונצלען אויף קערפּערל קליינעם,
אין אינגעווייד יונגער
און אויך אין די טעג אין די ערשטע,
וואָס באַלד נאָך געבוירן...

— — — — — — — — — —

גרויס איז די גרויע געפענקעניש !..

מ ע נ ט ש :

(שטייט ווי פאַרגליווערט אין אָנגעשטרענגטן הערן)

דערצייל מיר, דערצייל מיר,
פאַרברייטער מײַן מורא,
פאַרשפּרייט אים, מײַן פּחד,
און זייע זיי, די זוימען פון מוט
אין מײַן ברוסט, וואָס נאָך צאַפּלט פון מורא !
פאַרפלייץ מײַנע בליקן
מיט פונקען פון זײַן, פון געבוירן !..

ב אַ ג י נ ע ן ־ ש ײַ ן :

זײַ וויסן,
דו טאָרסט ניט ניט וויסן

אַוווּ איך געפֿין זיך
בײַ טאָג און בײַ נאַכט.
ווּהין איך באַהאַלט זיך
אין מיט פֿון דעם טאָג.
ווּהין כ׳וועל פֿאַרשווינדן,
ווען ס׳ברייטערט זיך העל
דער שוואַרצאַפּל
פֿון זוניקן אויג.

אין גרינע געדיכטעניש
אין שאָטנס דאָן ליג איך
פֿאַרפֿלאָכטן,
אין טראָפּנס פֿון טויען
אויף קעלערשע אונטערשטע בלעטלעך.
דורך שטענגלעך,
דורך לייטערלעך גרינע
לאָז איך זיך אַראָפּ
צו פֿײַכטקייט פֿון ערד —
און הער, ווי עס ראַנגלען זיך הילכיק,
ווי מילך־פֿעדעם דינע,
די שפּיזן די פֿרישע, די צאַרטע
פֿון וואָרצלען מיריאַדן...

נאָך ליב איך צו רוען...
און ווייסטו אַוווּ?..
(ליבער פֿון אַלץ
ליב איך דאָרטן צו רוען)

אויף לעפּל פֿון אויער

פון מיידלער געליבטע,
פון קינדער, צו ליבע שוין וואַכע ;
אַ שטיק פון מיַין וועזן,
אַ שטיק פון באַגינען
טוט קיין מאָל ניט אָפּ זיך
פון זייערע לעפלער...
און קומט אָן דער אָוונט —
נידער איך שטיל
צו וווינונגען גרויע,
צו קעלערס,
וווּ מענטשן מיט מידקייט באַלאָדן,
זוכן זיך רו,
זאַמלען די קראַפט
פאַר ווייַטע, פאַר שטרענגע
און שטרייַטפולע טעג...
צו אייבערשטע שטיבלער
פאַרקלייַב איך זיך אויך
דורך שמאָלינקע שפּאַלטן
פון לאָדן פון אַלטע,
צו שפעטזיצערס שטילע
אויף זייערע זויבערע שטערנס.

און פלעמעלער בלויע
פאַרמיש איך אין גליִען
פון מענטשלעכן דענקען.
און לויטערע בלויען
פאַרמיש איך אין צונטער
פון מענטשלעכן בענקען

(צאַרט און דאַך באַפעלעריש, ווענדנדיק זיך נעענטער צום מענטשן)

ווילסטו מיט מיר זײַן אין איינעם,
ווילסטו מיך שפּירן
אין איינעם פֿון נאָכקומער דײַנע
אין צײַטן אין ווײַטע?

(עס ווערט פֿינצטער. דער מענטש פֿאַרשווינדט פֿון זײַן אָרט אין אַ ווײַטן מהלך. אויף דעם עקראַן באַווײַזט זיך אַן אַלט הויז מיט אַן אייבערשטיבל פֿון אַלטן שניט; דאָס בילד פֿאַרשווינדט; עס באַווײַזט זיך דער אינטעריער פֿון דעם אייבערשטיבל: אַן אַרבעטסצימער פֿון אַ דיכטער, אַ דענקער. דער דיכטער שטייט אויף פֿון זײַן אָרט בײַם טיש. אויף זײַן געזיכט אַ פֿאַרבן־שפּיל, וואָס גייט פֿון אַ פּריזמע אין עק צימער, ער גיט צוויי שפּאַן פֿאָרויס און לייענט באַגײַסטערט:)

אַ טאָג יאָגט נאָך דעם צווייטן,
נאָכט גייט נאָכט אַנטקעגן,
אַ פֿאָדעם פֿון פֿרימאָרגן
וועבט זיך מיר אַן אויפֿהער.
איז גרינג מיר אים באַגלייטן,
באַגלייטן און ניט פֿרעגן,
וווּ זײַנען זיי פֿאַרבאָרגן
זײַנע העלע סופֿן?
פֿאַרבלענדט מיך טאָג מיט פֿלאַמען,
פֿאַרשווענקט מיך נאָכט מיט שוואַרצן —
מיט מיר, מיט מיר צוזאַמען
מײַן פֿאָדעם אין מײַן האַרצן...

(אַלץ פֿאַרשווינדט. אויפֿן עקראַן בלײַבט אַ רגע אַ פּאַס פֿון רעגן־בויגן)

דער גערא̇נגל

מײַנע יונגע פרײַנד געווידמעט.

בן שלושים לגבורה
בן ארבעים לבינה

די דרײַסיקער יא̇רן זײ ברענען אין שווערן גערא̇נגל —
גבורה זיך ראַנגלט מיט קלאָרן פאַרשטאַנד.
זײַ שטילער, מײַן „איך״!
הער־זיך־צו צו דעם שטילן גערא̇נגל:
גבורה און קלאָרער פאַרשטאַנד.
גבורה, וואָס רײַסט זיך צום קרייצן,
וואָס וויל מיט פאַרשווינדן
אויך צונעמען אַלץ פונעם לעבן;
פאַרשטאַנד, וואָס וויל אַלץ פאַרהיטן
געשטילט און געלײַטערט,
און איך —
איך געפין זיך אין מיטן,
אין מיט פון די שטרײַטן
אין דער מיט פון דעם שלאַכט פאַר מײַן „איך״.
און ליכטיקע רגעס פון לויטערן שׂכל
זיי שוועבן, זיי קומען, זיי זײַנען שוין דאָ
און שפּינען אַ נעץ אַרום רויִקע פלאַמען,
אַרום פײַער אַ נעץ,
וואָס לאָזט ניט די לופט עקספּלאָדירן;
און מײַן „איך״ גייט אַרום מיט דער ליכט פון די יאָרן,
מײַן „איך״ און די ליכט פון די יאָרן
און אײנער דעם צווייטן טוט שטויסן, מיט וואָר׳נען, טוט פירן
און ביידע זיי וואַכן בײַ דורכזיכט פון ליכטיקע טירן.

שיין איז מיט ליכט פון די יאָרן,
וואָס ברענען אין שווערן געראַנגל —
שיין איז אָן־פּחד צו וואַכן
בײַ ליכטיקע טירן פון זויבערע זאַלן,
און קוקן:
בײַ ווענט אין צעזונדערטע שראַנקען,
אין כּלים פון דורכזיכט דאָרט שטייען זיי אַלע:
טראָפּנס פון סמעה,
שטויבן פון רו און פון פיבער, פון גלי און פון קעלט,
פון טויט און פון לעבן,
פעסטקייטן שטילע פון היילונג —
קלאָרע באַלזאַמען.
— — — — — — — — —
גוט איז צו שטיין און צו פילן —
אַלע זיי זײַנען דורך דיר שוין אַריבער,
און קלאָר נאָר, און גאַנץ נאָר,
מיט אַלע פאַרפילט און מיט אַלע באַרײַכערט,
ביסטו נאָך געבליבן,
דו,
מיט געלײַטערטן שׂכל...
געלײַטערטער שׂכל!
ער איז קיין מאָל ניט קעלטער
פון וואַרעמען קינדערשן קערפּער,
ער איז קיין מאָל ניט שוואַכער
פון פּחד,
פון לעבן,
ער איז קיין מאָל ניט בלאַסער,
אין ליבע, אין האַסן,

פון דער רויטקייט פון בלוט,
פון צונטער פון הייסע געבליטן...

אָט אַזאַ איז דײַן שׂכל,
אָט אַזאַ איז דײַן ליד,
דאָס געזאַנג פון געלײַטערטן שׂכל.

ליד פון טויזנטער מידקייטן

מײַן פרײַנד פּ. שאַמעסן געשענקט

טויזנטער זײַנען די מידקייטן אַלע אין צאָל,
זיי זײַנען פאַרשידן די טויזנטער מידקייטן אַלע.

ווי רײַך און פאַרשידן ער איז אָט דער טעם פון דער מידקייט!
טויזנטער זײַנען די מידקייטן אַלע אין צאָל
און יעדערע מידקייט איר טעם זיך פאַרמאָגט
(דערלויבט צו באַנוצן די אַלטע טערמינען פון זיידעס)
הונדערטער שטאַמען פון טעם־גן־עדן,
הונדערטער האָבן דעם טעם פונעם גיהנום
און הונדערטער האָבן זיי ביידן:
טעם פון גיהנום און טעם־גן־עדן.

און אָפט צווישן ביידע
איז שווער גאָר צעשיידן.

א. די מידקייט פון פּיזושער מי

דיר מײַן ערשטער געזאַנג,
פֿרײַע מי פון מײַן לײַב,
פון מײַן כּוח דער קוואַל!
שטײַפער טראָט פון מײַן גאַנג,
פעסטער הייב פון מײַן האַנט,
וואָס מיט אַקסל פאַרבונדן פאַרבלײַבט,
און אין הייך
ביז די וואָלקנס דערלאַנגט.

פֿרײַע מי פון מײַן לײַב
פון מײַן כּוח דער קוואַל —
דיר מײַן לויב איבעראַל.

ב. די מידקייט פון זינלעכער ליבע

דיר מײַן צווייטער געזאַנג,
הייסער גלי פון מײַן לײַב,
זיסע לייד פון מײַן גלי,
וואָס אין בלוּען פאַרוועלקט,
וואָס אין זייען ניט שנײַדט,
וואָס אין וועלקן צעבליט,
אין פאַרלענדן באַנײַט!

ג. די מידקייט פון בענקען

איך קאָן דיך שוין, בענקשאַפט,
מיט רויִקער קאַלטקייט באַטראַכטן.
כ׳האָב געהאַט אַמאָל מוט
דײַן ערשאַפט דײַן גרויסע צו שפּירן,
און מיד בין איך, מענטש פון דײַן הערשאַפט
און וויל זי באַשרענקען —
איך בין מיד שוין פון בענקען.
איך קאָן שוין אַנטקעגן זיי גיין
אַנטקעגן די קומענדע ווייען פון בענקשאַפט,
איך קאָן זיי שוין לינדערן,
איך קאָן זיי שוין מינדערן,
איך קאָן זיי דערווײַטערן
און לײַטערן.

ד. די מידקייט פון שענקען

דיר, דו מידקייט, פון וועלכער איך ווייס ניט,
דיר, דו מידקייט, וואָס ביסט נאָך פאַר מיר ניט פאַראַנען,
דו זײַ נאָך אָט דאָרטן, פון וואַנען
דו קומסט.
דו קום ניט צו מיר,
איך וועל דיך שוין בעסער,
ניט ווייסנדיק רימען...
איך וויל פון דײַן נאָמען ניט הערן,
איך ליב דיך פון ווײַטן.
איך וויל זאָלסט ניט קומען
ווײַל, ווען דו וועסט קומען,
וועל איך שוין ניט ווערן,
וועסטו מיך פאַרבײַטן...

*

איך ווייס, אַז אַלץ דאָ גייט פון טיפן,
איך ווייס, אַז אַלץ פון ברייטן גייט,
נאָר כ׳האָב אים ליב דעם טורעם־שפּיץ, פון שטאָל געשליפן,
כ׳האָב ליב די פאָן, וואָס ווײַזט דעם ווינט אַ וועג און ווייעט.

און גרינג איז מיר מײַן רויטע לייד דאָ טראָגן,
און גרינג איז גאַרן נאָר, נאָר נײַעם גליק,
ווען איך דערזע, ווי מחנות טוט פאַריאָגן
זײַן הייסער שווערדן־שאַרפער בליק.

ער איז פון בליק דײַנעם שוין פאַרשווונדן
דער ביטערער, דער אַלטער טרערן־קוואַל
און ס׳ברענען העל אין דײַנע אויגן־רונדן
צוויי גרינע טראָפּנס גאַל...

און שענקען בלוט און מאַרך פאַר העלע פאָנען
בין איך פון לאַנג געוווינט —
איך גלייב שוין לאַנג, אַז שטעלן זיך אין וועלטן־קאָנען
לווינט !..

ליד פון מײַן גלײַכגילט

קושניראָוון געשענקט

איינעם איז געננוג דער איצט,
גוט און ווויל איז אים!
און איך וואָס זאָל טאָן,
אַז פאַר מײַנע בליקן
שטענדיק שטייען
פּאָספּאָרנע פּראַגן־בליצן
ווו?
וווהין?
— — — — — —
איך בין מיד שוין
פון שוועבן,
פון שווינדלען,
פון שווימען,
פון ווייקן אין וואַסערן פרעמדע,
און אייגנס זאָל מיך נאָר רייצן...
— — — — — — — — — —
נו, געווען איז אַמאָל אין מײַן לאַנד
אין גרינעם,
אין טאָליקן ווינקל
אין גליל —
נו, געווען איז אַ ייִדישע מאַמע,
און די מאַמע געהאַט האָט אַ קינד,
און פון קינד
איז געוואָרן אַ מאַן מיט שאָפּענע גלייביקע אויגן...
איז וועמעס עסק?
— — — — — —

איז ביז וואַנען
קעגן הימלישן חלל
אויף קלויסטערשע שפּיצן
וועלן גאָלדענע פּאַסן זיך קרייצן ?
— — — — — — — — — — —
ביז וואַנען
וועלן בליקן באַטריבטע
מיר פינקלען
אויף יעדן מײַן מידן,
מײַן בלוטיקן טראָט ?

און האָט דאָרט
אַ צווייטער,
אַ טונקעלער
געקלונגען
אין בלינדן,
אין ניכטערן בוזעם
מיט דרײַסיק זילבערנע שטיק...
— — — — — — — — — —
נו זײַט־זשע פאַרשאָלטן
איר אַלע וואָס דרינגען !
פאַרטרײַבט
און פאַרוואָגלט זיך
איינער דעם אַנדערן,
איר אַלע וואָס שעפּטשען
פון אייביקע
שוועבלענע האָגלען,
פון אייביקן וואָנדערן
— — — — — —

לערנט זיך
הייבן די קעפּ!
זעט:
פון שטויבן
אויף וועלטישע מאַרקן
וועבט זיך
אַ באַרג.

אין צפון־לאַנד ברייטן,
אין הויפּטשטאָט,
(האָט יאָרן געציטערט,
מיט דערנער געצאַמט זיך
פון אַ ייִדישן קרעמל)
אין מאָסקווע,
בײַם גלייביקן קרעמל
דער לייבישער ביוסט —
מאַרקס!

הערט!
פון ברוסט,
וואָס פאַרהילט איז מיט אַלטער פּחדנות,
פון ייִדישע ציטעריקע קלאַפּנדיקע ציין
רײַסט זיך אַ קול אַ געוויטער —
דאָס רעדט
איבער ברייטער רוסישער ערד —
לייב בראָנשטיין...
— — — — — — — —
מײַן גלײַכגילט מײַן גרויסער
ער גילט דאָ פאַר אײַך ניט פאַר קיינעם,

קיינער דאָ ווייסט ניט
פון מײַן האַס מײַן הייסן,
פון מײַן ליבע מײַן ריינער!
איין רוף האָב איך שטענדיק געפּאָלגט
און שטום אים געטראָגן
טויזנטער טעג;
איבער גראָווען קאָפּ
פון מײַן פאָלק
זײַן
אַ יונגע ליכטיקע שײַן!
— — — — — — — —
די גראָווע קאָפּ
פון מײַן פאָלק!
ווי אַלע קעפּ אַ קאָפּ
אין אַלע פאַראַן דאָרט אינזעקטן.
— — — — — — — — — — —
מײַן גלײַכגילט מײַן גרויסער
ער גילט דאָ פאַר איך ניט פאַר קיינעם,
קיינער ווייסט ניט
פון מײַן האַס מײַן הייסן,
פון מײַן ליבע מײַן ריינער!
— — — — — — — — —
און ווו?
און ווער
איז דאָס פאָלק?
— — — — — —
די קרעמער?
און מיט וואָס זיי האַנדלען?
אַלץ איינס!

אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן
(ניט ווײַטער!)
מיט שמאַטעס צי מיט געוואַנטן.
— — — — — — — — —
אָ, די ערנסטע קרעמער
וואָס האָבן אַמאָל
דער וועלט געשענקט
הענריך היינע!
— — — — —
ניין!
אַט אַזוי גייט עס —
פאַנאַטיקער
פאַרעקשנטע פעדאַנטן —
עלטער־זיידעס
פון אַלבערט אײַנשטיין!
— — — — — — —
דאָרט ווײַטער
דאָרט טיפער
פון פינצטערע מיסטן פון חרם
בליט אויף אויף ציײַטן
אין ווײַסע און ליכטיקע קליידער,
געשטרײַפט מיט ראָזן,
דער שלײַפער פון גלאָזן קלאָרע
ברוך שפינאָזע!
— — — — —
איר זיכערע אומות
פון הערשער און הענקער,
עס איז מיר שוין נימאס
געדענקען,

ווי איר היט
מײַנע ווײַטע פֿאַרלוירענע טריט
אויף אײַערע שטילע געצירטע בית־עולמס,
אין שטעט פֿון טויטע,
אין טויטע שטעט!
— — — — — — —
פּליטים
געשענדעטע
מיט ציטעריקע לײַבער,
מיט קינדער, מיט ווײַבער
רײַסן די לעצטע גרענעצן,
די לעצטע קייטן!
— — — — — — — —
מיט אַלטע בענקענדיקע אָרעמס
האָב איך זיך פֿאַרקליבן
אין אַלע אײַערע שפּאַלטן
און שטויבנווײַז גראָב איך אײַך קברים...
אין איינעם מיט שאַרפֿע האַרציקע בליקן
פֿון לעוו שעסטאָוו
גרייט זיך אויך אַלע
צו בלענד פֿון חלף,
צום ליכטיקן
סוף!

אין ייִדישן וואָרט

א

אין ייִדישן וואָרט, ווי ס׳איז ווילד, ווי ס׳איז מילד, ווי ס׳איז טײַער,
איז פֿאַראַן אַזאַ רוף צו באַנײַונג, איז פֿאַראַן אַזאַ העלישער פֿײַער,
אַז ווינטן, וואָס ציִען אויף וועלטישע ברייטע באַראָטן,
ניט קאָנען פֿאַרבלאָזן זײַן גליִענדן אָטעם;
און אַשן פֿון תּקופֿות ניט קאָנען זײַן צונטער פֿאַרגרויען,
זײַן מונטערן צונטער, וואָס העלט זיך אויף שטילקייט פֿון בלויען.

אין ייִדישן וואָרט, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פֿון די צוואַנגען,
וואָס אומרויִק זוכט זיך נאָך פֿעלדער און סטעפּעס,
איז פֿאַראַן שוין די זיכערע רו און די ברייטקייט פֿון עפּאָס.
און ניט נאָר בײַ הייליקע שומרים — אין וואָרט בײַ די פּשוטע היטערס
הערט זיך דער אָנהייב פֿון שטאָלצע געזאַנגען פֿון שניטערס,
הערט זיך דער אָנזאָג אויף מונטערע קלאַנגען פֿון שײַער —
אין ייִדישן וואָרט, ווי ס׳איז ווילד, ווי ס׳איז מילד, ווי ס׳איז טײַער...

ב

אין ייִדישן וואָרט, ווי עס איז, איז פֿאַראַן אַזאַ „עפּעס״,
וואָס האָט שוין די זיכערע רו און די ברייטקייט פֿון עפּאָס.

קוקט זיך נאָר אײַן מיט געהער, מיט אַן אויג אַ פֿאַרטיפֿטן:
הערט איר דעם שווערן געבורט פֿון די קינפֿטיקע שריפֿטן?

האָט איר געהערט ווען אין בלוי פֿון די נײַע באַגינענס
פֿון ניבעלונגען דעם קלאַנג בײַ דעם גאַנג פֿון בילינעס?

הערט אים נאָר אויס, אָט דעם טראָט פון פילקעפּיקע העלדן!
קיינער דעם ווײַטערן דור וויל זײַן נאָמען ניט מעלדן.

ברידער אין שלאַכט און אין רום און אויף פעלדער באַרוטע,
העלדן אויף רוסישע פעלדער! דערמאָנט זײַט צום גוטן!

ניט אונטער יאָך פון אַ באַרג — אונטער פרײַהייט פון הימל
קומען זיי מוטיק און שטרענג אין געטאָקטן געווימל.

ניט אונטער יאָך פון אַ באַרג — אונטער מײַ־הימלען ברייטע
זאָגן זיי וואָגיק און האַרט:

מיר הערן!
מיר שווערן!
גרייטע!

אויף דורות

...און קיינער וועט בײַ אונדז ניט אָפּנעמען דאָס גליק —
מיט בליק באַרויִקטן אַ ווענד טאָן זיך צוריק
אַהין, אין אָנהייב טעג, אין טעג פון ערשטן ציטער,
פון ערשטע ווייען און פון ערשטן קראַמף...
אַהין, אין לאַנגע נעכט פון ווייטיקדיקן דויער...

ס׳איז אונדזער הייסער גליק,
ס׳איז אונדזער שטאָלצער טרויער,
ס׳איז אונדזער דרייסטער זיג,
ס׳איז אונדז פאַרזאָגט דער קאַמף,
ס׳איז אונדזער טרייסט, ס׳איז אונדזער תּורה,
אויף דורות און אויף דורות.

און קינד מײַנס, קינד
מיט צאַרטע
מענטשלעך־קלאָרע,
מענטשלעך־פרעגנדיקע בליקן,
ווי וועסטו זיך
דורך טאָוולען פון געשיכטע,
ווי וועסטו זיך דערוויסן
פון יענע טעג ?..

און זאָל דער שווונג פון מײַנע לידער
דערטראָגן דיר
אַ טראָפּן ליכט,
אַן אָנהייב צייכן,
אַ קלינגענדיקן שליסל

פון יענע טעג:
פון טעג פון ערשטן ציטער,
פון ערשטע ווייען און פון ערשטן קראַמף —
ס׳איז אונדזער דרייסטער זיג!
ס׳איז אונדז פאַרזאָגט דער קאַמף!
ס׳איז אונדזער טרייסט, ס׳איז אונדזער תּורה,
אויף דורות און אויף דורות.

*

אי. כאַריקן געשענקט

באַקענטע, גוט באַקענטע ליבע בילדער
פון גרויסן היימלאַנד מײַנעם,
אויף בלוי פון הימל ביימער־שפּיצן מילדע —
אויף הימל פון אוקראַיִנע.

אַ שטילע שעה פון רו אין גרינעם ווינקל
ניט ווײַט פון שטאָט, פון קיִעוו,
איז וואָס, אויב ס׳האָט אַמאָל אַ קליינינק ייִנגל
געלערנט פּסוק איוב.

איז וואָס, איז וואָס, אַז ס׳האָט אַמאָל אַ דיכטער
געפונען ווײַטע גראַמען,
און ביידע נעמען ווײַט־צעשיידטע אין געשיכטע
אַוועקגעשטעלט צוזאַמען ?..

אָ, צײַט ! אַ צענדליק יאָר אין טאָג אין איינעם,
און איין מעת־לעת אין פרײַען.
ניטאָ קיין צײַט דאָס אַלטע צו באַוויינען —
באַווײַז דערזען דאָס נײַע !..

*

א. פיאַטיגאָרסקען

שיט אַ שניי,
שיט און שיט,
ס׳איז שווער, אוי, ווי שווער,
אין ווערטער פאַרנאַרן,
אין ווערטער פאַרפּירן
דעם גאַנצן געלויף פון אַ שטאָט,
דעם ציטער פון טויזנטער הערצער,
רויע, און ווילדע, און צאַרטע, און שטילע,
אָט הייס און שאַרף, ווי אַ שטאָלענער שניט,
אָט קאַלט, ווי דער שניי.
שיט אַ שניי, שיט און שיט.

פון העלע וויטרינעס
קוקן ביכער אַרויס,
און די וועלט, ווי ז׳איז רוי, ווי ז׳איז ווילד, ווי ז׳איז גרויס,
ווערט מיר מילד, ווי אַ מוטערשער שויס.
שיט אַ שניי, שיט און שיט
ערגעץ דאָרט גאָר ניט ווײַט,
דאָרטן וואַקסט נאָך און בליט,
ערגעץ דאָרט אויף איטאַליעס ראַנד...
ערגעץ דאָרט האָט אַמאָל נאָך אַ שײַטער געברענט
און דער ווינט האָט געטראָגן דעם ריח פון ביטערן בראַנד
און פון מענטשלעכן ציט׳ריקן לײַב.
אָ, ס׳איז גוט וואָס אויב יאָ, ס׳איז געווען —
איז אַמאָל דאָס געווען.
אַך, ווי גוט, וואָס ניט אַלץ דאָ פאַרבלײַבט!

פון דעם פינצטערן דור
אַ פּאָר ציט׳ריקע נעמען פּאַרהיט.

שיט אַ שניי, שיט און שיט,
שיט אַ שניי —
ס׳איז געבליבן אַ וואָרט: גאַליליי...
און מײַן זון גלייבט מיר גרינג אויפן וואָרט,
אַז מיר טראָגן זיך שנעל מיט דער ערד
אַרום זיך, אַרום זון,
און אַרום, און אַרום, און אַרום
אין באַוועגונגען נײַן...
ער שרײַבט מיר פון קיִעוו
(געזונט זאָל ער זײַן!)
מיט שיינע, מיט קינדערשע געננ,
און באַשטימט אי די ערדישע ברייט אי די לענג,
ווו זײַן קינדערשער פוס איצטער טרעט,
שיט אַ שניי, שיט און שיט,
ערגעץ וואַקסט, ערגעץ בליט.

בערלין

*

מײַן גאָר יונגן פֿרײַנד
מילי מיראָטשניק געשענקט

ס'איז שווער צו נאָכשפּירן דאָס שווינדלען פֿון אַ ראָד,
נאָר ניט פֿאַרגלײַכן שווערער —
אונטער ראָד אַ רגע ליגן.
און אומגעהײַער שווער
איז זײַן צו ראָד געשמידט,
און יעדער דריי
אויף קערפּער אייגענעם
אויף סאַמע מיט
די ראָד איבערפֿירן.

וואָס גיכער ס'גייט די ראָד,
וואָס אָפּטער ס'איז דער דריי,
אַלץ קלענער זײַנען זיי,
די רגעס, וואָס טיילן זיי, די אָפּשטאַנדן פֿון וויי צו וויי,
און רגעס שפּרייטן אויס איין וויי־געלעגער.
היי, אַלע איר, וואָס שפּירן נאָר „פֿון גאָטס גענאָד",
ווי שנעל, ווי שיין עס גייט די ראָד,
פֿאַרגעסט ניט זיי,
וואָס האָבן יעדער דריי פֿון ראָד
אויף גלײַכע שליאַכן און אויף קרומע וועגן, אויף קערן און אויף ראָגן
אויף זיך אַליין געטראָגן.
און זאָל צו אײַך דערגיין
דער וויי־געשריי
פֿון דעם געמיט,
וואָס איז צום ראָד געשמידט.

אַ רײַזע

אברהם רייזענען געשענקט

ניט גוט איז זײַן צעשטרייט,
ניט גוט איז ווען מע כאַפּט זיך, אַז מע האָט פאַרשפּעטיקט,
נאָר גוט איז ווען מע פילט,
אַז מ׳איז נאָך גרייט פאַרריכטן אַלץ,
נאָר גוט איז, אַז מע פילט,
אַז אַ כּוח טיף פון אינעווייניק גייט,
אַ כּוח, וואָס אַלץ פאַרגלעט,
וואָס אַלץ באַגיטיקט...

איך בין ווײַט אַוועק פון יענעם פרומען מאַן,
וועגן וועמען עס דערציילט אונדז די לעגענדע...
דער מאַן האָט אַלץ געגלייבט
אין דעם, אַז ס׳איז אַ שיינער שיקזאַל דאָ פאַראַנען,
און אַלץ צו גוטן גייט,
אין סוף פון אַלע סופן, אין ענד פון אַלע ענדן...
קיין זאַך האָט אים קיין מאָל ניט אַנטמוטיקט:
אויף יעדן אומגעריכטן אומגליק
האָט ער שטיל געענטפערט,
האָט ער שטיל געלויבט:
גם זו לטובה — דאָס איז אויך צו גוטן.

נחום גמזו האָט מען אים, דעם מאַן, פאַררופן...

ניט נחום הייס איך —
און ניט מײַן טאַטע נחום הייסט
(ווי זלמן רייזענס לעקסיקאָן ווײַזט אָן)

ער הייסט נחמיה — כ׳האָב לעבעדיקע עדות.
גענוג שוין זײַן צעשטרייט, מײַד אויס אַזעלכע ווײַטע ריידעס!

איך גלייב: אַ מענטש האָט שטרענגע מעכטיקע באַרופן
און דאַרף זיי גיין אַנטקעגן מיט שטענדיק פרישער גרייטקייט,
איך גלייב: אַ מענטש דאַרף אַלץ באַהערשן
און אויך זײַן אייגענע צעשטרייטקייט.
איך האָב פאַרשפּעטיקט קיין וואַסילקאָוו
און זיץ בײַ טישל אין וואַגאָן
אין אַ צוג, וואָס קומט אָן שפּעטער מיט אַ שעה,
און אפשר גאָר מיט צוויי
און מײַנע פרײַנד, וואָס האָבן זיך מיט מיר געגרייט צו פאָרן
זיי האָבן מעגלעך ניט געשווינט מיך
און מיר פאַרפאָרן מיט אַ וואָרט,
נאָר איך — איך פאָר דאָך אויך,
איך פאָר דאָך פאָרט,
כ׳האָב דורכגעלאָזט אַ רײַזע מיט חברים
(יונגע מוזיקער און מאָלער
און איציק פעפער, מײַן מיטרעדאַקטאָר אין „פראָליט״).
איך וועל זען אַ ביסל שפּעטער וואַסילקאָוו
און דעם זאַוואָד
(מע מאַכט דאָרט לעדער).
כ׳וועל אפשר דורכלאָזן אַ שטיקל פאָרטראַג,
איך וועל ניט לייענען דאָרט קיין לידער,
אַ שאָד...

נאָר כ׳וועל דאַרפן אַליין זײַן
(עס טרעפט מיט מיר איצט אַזוי זעלטן),
מיט זיך אַליין, מיט אַלע מײַנע וועלטן,

אַ גאַנצע שעה אין ציכטיקן וואַגאָן!
ס'איז גאַנץ גערוים און וואַרעם...
און דאגות ווערן ווײַטער און הערן אויף צו אַרן
און שעפּערישע רו גייט נאָענטער צו מיר און רופט, און גלעט,
און זאָגט: ס'איז גאָרניט שפּעט, —
ס'איז פרי, ס'איז פריש,
דער פענצטער קלאָר, דער עלנבויגן ליגט זיך פעסט אויפן טיש
און פעלדער יאָגן ברייט,
און וועלדער שוין אין גאָלד, אין זשאַווער,
אין לימענע־מאַראַנצנדיקע פאַרבן
שוועבן דורך פאַר מיר,
און דורך דעם אויג מיר דרינגען שטיל:
„זײַ טרײַ דײַן שטײַגנדיקן ליכטיקן געמיט!
דו קאָנסט קיין זאַך דאָ ניט פאַרדאַרבן!
דו הער זיך צו, ווי ס'שטראָמט אין דיר דײַן ליד —
דו קוק זיך צו צום פילקאָלירנדיקן וועלקן —
ס'איז אַלץ מיט לעבן פול,
ס'איז אַלץ ערשט רײַף געוואָרן,
און בייגעוודיק און שטײַף.
וואָס הייסט דען שטאַרבן?
און וואָס איז אַ פאַרשפּעטיקונג אויף אַ פּאָר שעה?
דו פאָרסט קיין וואַסילקאָוו,
דו פירסט דײַן בליק און אַלע פינעף שאַרפע חושים דײַנע,
און אַלע ריש מם חית,
צוויי הונדערט פערציק אַכט נאָך גלוסטנדיקע אברים,
און אַלע שין סמך הא גידים,
(דרײַ הונדערט פינף און זעכציק אָדערן) וואָס בינדן פעסט די גלידער
דו פאָרסט אין ריינעם ציכטיקן וואַגאָן
און אַלע אַהין, אין זעלבן וואַסילקאָוו...

דו האָסט אים שוין דערמאָנט אין דײַנע לידער
דו האָסט אַמאָל דאָך
אָנגעשריבן אַ קליינינק ווערק „אוקראַיינע״.
פֿאַראַן בײַ דיר אַ פֿראַזע דאָרט:
„פֿאַסטאָוו, וואַסילקאָוו,
און נאָך און נאָך...
אָן מי, אָן רו,
אָן שבת און אָן זונטיק גייט די וואָך...״

דאָס איז געווען אין יענע שווערע יאָרן...
איך בין געפֿאָרן פֿון דרום
צום ווײַטן פֿײַערדיקן צפֿון.
מײַן בליק איז ווי געווען מיט בלוט פֿאַרלאָפֿן...
און איצטער...
(כ׳האָב פֿאַרשפּעטיקט, אַ שאָד!)
איך פֿאָר דאָך אָבער פֿאָרט
אַהין קיין וואַסילקאָוו,
אַהין אויפֿן זאַוואָד.
פֿאַראַן דאָרט אַרבעטער אַ סך,
אַ סך פֿון זיי פֿאַרשטייען אויך מײַן ייִדיש וואָרט,
זיי מאַכן לעדער.
און לעדער
אין אַ לעבעדיקן רווישיקן זאַוואָד,
און לעדער, וואָס גייט־דורך דורך שטרענגער פֿרייד
פֿון מענטשנס הענט און בליקן,
דער לעדער איז אַ שטיק פֿון שיינעם זײַן
און שמעקט מיט ליבע און מיט לעבן,
מיט פֿײַנסטן ווײַן, מיט גוטער פֿראַזע
(איר מעגט זיך שוין אויף קיפּניסן פֿאַרלאָזן),

מיט ציכטיקער באַגײַסטערונג,
מיט לידער.

אָט איז זי באַיאַרקע, אָט איז שוין וואַסילקאָוו איינס
(דער צווייטער וואַסילקאָוו — דאָס איז די שטאָט אַליין,
דעם צוג, וואָס גייט דירעקט אַהין, האָב איך פאַרשפּעטיקט)
איך דינג דעם ערשטן בעל־עגלה.
(דער ייִד איז אַלט, נאָר פעסט.
אָ גאָט, מײַן גאָט,
ווי שטאַרק צעשרויפט איז זי די ייִדישע, די אַלטע טאַראַטײַקע)
צוויי רייעןביימער פירן אָפּ דעם וועג אין ברייטן פעלד,
אין פעלד, אין וואַלד, אין שטעטלדיקער, דאָרפישער, קליינינקשובדיקער וועלט.
דער ווינט דרינגט דורך מיט קעלט,
מיט פרישע, אייביק פרישע דעראינערונגען פון מײַן יוגנט,
מיט שווײַגן און מיט פרירן אויף דער הויל פון פלאַכן,
און ווי אַן ענטפער קומט די וואַרעמקייט פון האַרצן
און טרײַבט צום מויל אַ בינטל זאָרגלאָזיקע ווערטער:
„ווי הייסן אָט די ביימער, פעטער?"
שרײַ איך הויך אין אַלטן אויער.
מײַן ייִד קוקט אַן זײַן שטאָטישן פאַרשוין,
ער וואַרפט אַ קוק אויף פעסטע שטאַמען אין וועלקנדיקע בלעטער,
און ענטפערט ברייט:
„ס'איז אָסאָקאָר, ערשט פערצן יאָר, כ'געדענק, מע האָט זיי געפלאַנצט...
(ער ווייסט דער אַלטער ייִד, ער קען זײַן פאַך און זײַן אַרום
אויף משה... ליטוואַקאָוו געזאָגט געוואָרן).
און ס'נעמט מיך שטיל אַרום אַ קינדערשע, אַ מונטערדיקע פרייד.
דער ווינט טוט זײַנס, און נעמט מיך דורך, איך זעץ זיך איבער,
איך דערפיל דעם ייִדנס פּלייצע —
אַן אַלטע פּלייצע, אַ צעריסן פעלצל מיט אַ צעשליסענעם ברעזענט פון אויבן,

נאָר איך, איך פֿיל זיך גאָר דערהויבן
(איך זאָג אין דער הייך: „אַ תּלמיד חכם פֿאַלט עס אויף אַן עצה")
ער כאַפּט אַ קוק, דער ייִד, אויף זײַן פּאַרשוין
ער גיט אַ טרײַב די גוט געפּאַקטע, כּמעט ווי ניט קיין
בעל־עגלהשע צוויי פֿערדלער,
— „וויאָ, אָט וועט איר זען, מיר וועלן פֿריִער פֿונעם ,פּאַיעזד' קומען"
— „וואָס זאָגט איר, פֿעטער?"
איך —
איך שפּרינג אַזש אויף פֿון פֿרייד און קוק אויפֿן בראַוון ייִדן,
איך האָב אים ניט געפֿרעגט אויף גאָרניט,
ער האָט דערפֿילט, ווײַזט אויס, אַז כ'האָב צו יענעם צוג אַ שטיקל שייכות,
איך האָב זיך ניט גערי̇כט,
וואָס זאָגט איר אויף דער מעשׂה:
ס'איז פֿרי, ס'איז גאָרניט שפּעט
ס'איז ניט קיין מעשׂה גאָר, ס'איז נאָר אַ שטיקל רמז,
אין אַן אַלטער טאַראַטײַקע גיי איך מיט אַ „פּאַיעזד" אין געוועט:
זאָג זשע איצט, פּאַרשוין,
דו הייסט ניט נחום גמזו, דאָס איז אמת,
צי האָט אָבער געלוינט זיך אָפּעסן דאָס ציטריקע האַרץ,
צי האָט געלוינט פֿאַרטונקלען דײַן ליכטיקן געמיט.
אַן אַלטע טאַראַטײַקע, אַ פּאָר פֿערדלעך,
אַ ווױלער און אַ פֿעסטער ייִד,
וואָס דאַרפֿסטו נאָך?
גענוג, עס זאָל געבוירן ווערן נאָך אַ ליד:
ס'איז פֿרי, ס'איז גאָרניט שפּעט!
צו הימלען האַרציקע דײַן קאָפּ פֿאַרנייג,
ווי אַלע מענטשן טוען עס בײַם גריסן,
ווי אַלטע מענטשן טוען עס בײַ אָוונטיקן און בײַ פֿריִיִקן געבעט
און זאָג

דעם האַלבן טאָג אָנטקעגן:
ס'איז פרי, ס'איז גאָרניט שפּעט
און אַלץ דאָ טויג
און אַלץ איז פול מיט ברכה און מיט זעגן!

*

פאַר אָט דער קלאָרקייט פונעם הימל,
פאַר אָט דער אומרויִקער שטילקייט אויף דער ערד
וועמען דאַנקען, וועמען רימען,
דאָרט אין הימל, דאָ אויף דר׳ערד ?..

צוויי וועווריקלער

מײַנע קינדערס חברים

עס האָבן געלעבט אַמאָל וועווריקלעך צוויי,
אין וואַלד אין געדיכטן געלעבט אָט אַזוי:

אַ שפּיץ פון אַ בוים און פון צווײַגן אַ נעסט, —
אום זומער אַזוי זיך, אום ווינטער פאַר פרעסט.

דאָס עלטסטע געוווסט האָט פון ווינטערס אַ פּאָר,
דאָס צווייטע ניט אַלט געווען איז נאָך קיין יאָר:

געוווסט נאָר פון פרילינג, פון זון און פון היץ,
פון זאַפטיקע רעגנס, פון דונער, פון בליץ,

פון צווײַגן פון ווייכע, פון צאַרטינקע הענט —
צו שפּרונגען צו יונגע פון שטענדיק געווענדט, —

פון פּורפּורנע מאָרגנס, באַפּערלט מיט טוי,
פון שפּילן אויף שטאַמען פאַר אָוונט פאַר גרוי,

פון לויפן, פון שרײַפּלען אַרויף און אַראָפּ
מיט עקל צום הימל, צו ערד מיט דעם קאָפּ.

געשפּרונגען, געטאַנצט, ניט געהאַט קיין מינוט
אויף גוט צו באַטראַכטן, אַז יונג זײַן איז גוט.

געווען איז סוף זומער, טיף גרין און פאַרדענקט,
מיט לעבן, מיט שווערקייט אויף ווינטער באַשענקט.

איז איין מאָל אַזוי אין אַ פרילינג־פאַרנאַכט
האָט וועווריקל אונדזערס און שטאַרק זיך פאַרטראַכט.

האָט פלוצעם דערזען, אַז דער וואַלד — ער איז ענג,
האָט פלוצעם דערפילט, אַז דער וואַלד — ער איז שטרענג:

נו, סאָסנעס, נו, מאָכן, דאָך נאָך עפּעס פעלט!
עס איז דאָך אַחוץ דעם פאַראַן נאָך אַ וועלט.

מע זאָגט, אַז דאָרט ערגעץ אַ ים איז פאַראַן,
און כוואַליעס דאָרט טאַנצן אין ווינטישן שפּאַן,

און דאָרטן אויף יענעם אויף אַנדערן ראַנד
אַ לאַנד איז פאַראַנען, אַ ווּנדערלעך לאַנד.
— — — — — — — — — — — —

„און ווּ ווּעסטו ציִען,
און איינער אַליין,
אַז ים דאָרטן גרויס איז און וועוויריק איז קליין...
און ווי ווּעסטו ציִען, ווען ס'דונערט, ווען ס'בליצט,
ווען כוואַליע נאָך כוואַליע מיט שיפן זיך שמיצט.

און וואָס ווּעסטו דאָרט טאָן — ס'וועט קומען די קעלט,
און נערונג זיך מינערט, און נערונג זיך פעלט...״

נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן קיין וואָר'נען, קיין שרעק —
דאָס וועווריקל איז אין דער פרי שוין אין וועג.

פון צווייַגל אויף צווייַגל, און פלוצעם אַ פעלד —
און ס'איז ברייט, און ס'איז ווייַט און ביז מורא געפעלט,

און דאָרטן אַ ים נאָך, אַ ים דאָרטן וואָרט...

— — — — — — — — — — — — —

דער טאָג ווערט פאַרשווּונדן, עס פאַלט שוין די נאַכט.

איז וועווריק געבליבן אין פעלד אין אַ מיט,
מיט מידקייט פאַרשטאָכן די קני און די טריט.

אַ מורא בײַם האַרצן, אַן אומעט אַרום,
און הימל מיט ערד דאָרט — פאַרנעפּלט און שטום.

נאָר נאַכט האָט רחמנות, האָט שטיל זי געהיט
דעם ווילדינקן וועווריק אין פעלד, אין דער מיט.

געשלאָפן איז וועווריק, אין חלום געזען,
ווי כוואַליעס זיך שפּילן אין זוניקן ברען.

און ווי נאָר באַגינען דעם ראַנד האָט באַראָזט,
האָט וועווריק אין וועג זיך און ווײַטער געלאָזט.

געשפּרונגען איז וועווריק, אַנטקעגן — דער וועג,
און איבער זיי ביידע געגאַן זײַנען טעג.

און איין מאָל אין קלאָרער אין פרײַקער שטיל
האָט וועווריק דערהערט אויך די ימישע שפּיל;

האָט וועווריק דערזען אויך דעם ימישן גלאַנץ,
דעם גלאַנץ, וואָס איז גרייט שוין צום כוואַלישן טאַנץ.

דערזען — און מיט וועווורישע אייגלעך געדאַנקט
אי דעם טאָג, אי דעם ים, אי דאָס האַרץ, וואָס פאַרלאַנגט,

אי דעם שטויב, וואָס מאַכט שווער, אי דעם וועג, וואָס מאַכט מיד,
אי די שעהען פון שלאָף אין אַ נאַכטישער מיט.

און מיט פאָרכט און אָן וויסן איז וועוועריק שוין גרייט
אין גאַנצן פאַרגלייבן דער ימישער ברייט.

און פלוצעם און נאָענט — אַ שטילער געווינס —
עס שיפט זיך אַ צווייַגל אַן אייגנס, אַ גרינס.

אַ צווייַגל אָן היים און אָן וואָרצל, אָן שטאַם,
און בייַ זייַט און דאָרט ווייַט איז אַלץ ים, איז אַלץ ים.

און עמעצער פירט דיך, און עמעצער ציט,
און ווייַטער אין ווייַטקייט, פון מיטן אין מיט...

אַ גלאַנציקע שעה — און ס'פאַרשווינדט שוין דער ברעג,
און ס'איז מיט, און ס'איז ים, און ס'איז ים אָן אַן עק,

געשווומען איז וועוועריק, אַנטקעגן — דער גלאַנץ,
דער ימישער גלאַנץ נאָך אַלץ רויִק און גאַנץ.

מיט פריִיקע פאַרבן אין שטיל זיך געמאָלט,
בייַ טאָג זיך געבלויט, צו בייַנאַכט זיך געשטאָלט.

נאָר אָט איז געפאַלן אַ פינצטערע נאַכט,
אַזאַ פינצטערע נאַכט, ניט פאַר וועוועריק געדאַכט.

און האָט שוין געגומען שאַריִען אויף טאָג —
אַ ווינטל פון ערגעץ טוט פלוצעם אַ טראָג.

נאָך ווינטל אַ ווינט קומט פון ימישע ווײַטן,
אַ וואָלקן אַ גרויער אויף אים קומט צו רײַטן.

אַ וואָלקן אַ צווייטער פאַרצוימט אים און קנוילט,
און כמאַרישער רוקן צעבייגט זיך און גרוילט;

און דונער נאָך דונער זיך קײַקלט און פאַלט,
און בליציקע בײַטשן — אַ קנאַל נאָך אַ קנאַל;

און וואַסערנער שפּיגל אין בראָך און אין שטויב,
און כוואַליעס אַ מחנה פון טיפן זיך הייבט.

און כוואַליע נאָך כוואַליע פאַרפּלייצט און פאַרשיט,
און ווערוויק קוים אָטעמט פון וואַסערנער מיט.

אָט־אָט ווערט מיט לעבן שוין ווערוויק צעשיידט,
און ווערוויק איז גרייט שוין באַגעגענען טויט.
— — — — — — — — — — — —
קיינער דאָ ווייסט ניט, ניט ווען און ניט ווו —
נאָר שטענדיק נאָך שטורעם — קומט אָן די רו.

און דער ווינט, וואָס די וואָלקנס רופט אויף און פאַרקלײַבט,
אין הימלשע שטאַלן אין שטיל זיי פאַרטרײַבט.

עס שטילן זיך כוואַליעס, געוואָרן שוין מאַט,
און לאָזן אַראָפּ זיך צו וואַסערנער גלאַט,

און נידערן, נידערן, ציִען זיך אויס,
צעציִען די גלידער אויף ימישן שויס.

און פון בראַך און פון שטויב און פון שטורמישער שפּיל —
איז אַלץ גאַנץ, איז אַלץ גלאַנץ אין דער רויִקער שטיל.

און וועוועריק זיך הוידעט אויף צווייַגל, אויף שיף,
און זעט שוין דעם הימל אין לויטערער טיף...

פאַרזוכט האָט שוין וועוועריק אי דרייסטקייט, אי שרעק,
ווי נעמט מען אַ וועג שוין, ווי זעט מען אַ ברעג?..
— — — — — — — — — — — — — — — — —

און פלוצעם — אַ פאַרכטיקער פליגל־געראויש —
אויף לויטערער טיף פליט אַן אָדלער אַרויס.

האָט וועוועריק ווידער די אייגלעך פאַרמאַכט,
און האַרץ זייַנס איז גרייט שוין צו נייַער געפאַר...

ווען ס'האָבן זיך בליקן אַנטפּלעקט אויף אַ רגע —
איז נאָענט, גאָר נאָענט אָדלערשע נעגל!

צו וואָס דאָ אַן אָדלער, צו וואָס זייַנען נעגל —
דערויף דאַרף אַ מעשׂה, קיין קשיא ניט פרעגן.

די לופט האָט געלעכערט אַ שנייַדיק געשריי,
אין ברייט איבער ים אין דער הייך זיך צעשפּרייט.

און ים האָט דערשלונגען דעם בלוטיקן טריף,
ניט רויטער געוואָרן די קאַלט־בלאָע טיף.

איז וועוועריק פאַרחלשט און טראָגט זיך אַהין,
צו ברעג און צו וואַלד, ווו היים זייַנע גרינט...

ווען וועוועריק פון ווייטיק האָט ציט׳ריק דערוואַכט,
האָבן ברידערשע בליקן אויף אים שוין געוואַרט.

האָבן ברידערשע אָרעמס געצערטלט, געפּרעסט,
און טרײַ איז געלעגן פון אונטן דער נעסט.

און אַלץ איז פאַרשוווּנדן — קיין שרעק און קיין וויי,
אַ בוים און אַ נעסט און ברידערלעך צוויי.

דער עלטערער מונטערט, דער עלטערער פרעגט:
„דערצייל מיר פון שווערע פון שרעקלעכע טעג...

זעסטו, דו ביסט שוין דערגאַנגען אַליין,
ווי שווער אין דער פרעמד איז, ווי ביטער אַן היים.

געדענקסט, כ׳האָב געוואָרנט, געבעטן בײַ דיר —
נו זאָג, וועסט שוין קיין מאָל ניט ווערן פאַרפירט?״

געטענהט, גערעדט אין דער נעסטישער שטיל,
און ברודערשע בליקן מיט צאַרטקייט געפילט.

געקוקט אין די אויגן, געקוקט און געלייענט:
טויזנט מאָל יאָ און טויזנט מאָל ניין!..

*

פייגען

אַ שאַרפּער שאָטן אויף דער וואַנט
פון קליינער פּאַלמע מײַנער, פון אַ יונגינקער טראַצענע,
וואָס שטייט אַקעגנאיבער אויף מײַן פענצטער,
דערמאָנט מיר שטיל אין יענעם לאַנד,
דערמאָנט מיר שטיל אין טעג אין יענע,
דערמאָנט מיר אין מײַן שענסטער.


ס'איז מיר באַשערט צעריסן זײַן אויף שטיקער
און ווייַ פון בענקשאַפט האָבן, ווי אַ גליד,
וואָס אַלע שטיקער פעסט פאַרשמידט,
דעם ווייַ פון בענקשאַפט האָבן, ווי אַ דריז,
וואָס נערט מײַן לײַב,
וואָס מאַכט מײַן לײַב דורכוויסיק־שיכּור,
ווי יענער הייסער ווײַן
פון יענעם לאַנד —
ער מאַכט דעם קערפּער אומגעהײַער גרויס.

און ווי פון יענער שיכּרות,
ווער איך צײַטנווײַז
אַ ריז
און שפּרײַז
לאַנד אײַן
לאַנד אויס.

*

מיר קאָנען שוין דעם גאַנג פון אַטאָמען דערהערן,
דער רויש פון רוענדיקן שטאָף
צו אונדזער אויער שוין דערגייט...
פאַראַן אין דעם אַ הויכע פרייד:
אין שטומעניש אין שווערער
דערשפירן שוין איר ציל, איר סוף,
דעם פאָרגעפיל פון קלאָרע רייד.

איך האָב אַמאָל ביז גרונט פאַרשעפּט פון ברונעם פון דערמאַנונג
נאָר ס׳איז צום קינפטיקן פון שטענדיק אָן געווענדט מײַן בליק:
איך גריס אײַך, אַלע די,
וואָס זײַנען איצט דער הענגענדיקער בריק,
וואָס קומען ערשט צו נײַער אָנונג;
צו נײַער לאַסט,
צו פרײַער מי.



ד. האָפּשטיין

צייכענונג פון דוד האָפּשטיינס זון הלל, 1939

פון קרימער ציקל

מײַן זון הילקען געשענקט.

ויין ישמח לבב אנוש (און דער ווײַן דערפרייט
דאָס האַרץ פון מענטשן).
(תּהלים קד, טו)

ווײַן, ווײַן, אַלטער ווײַן, ווײַן פון פלאַמיקן
גערעכט.
(אָנהייב פון ליד „גערעכטיקייט)

א

...מיר גייען קיין מיסכאָר, מיר גייען קיין אַלופּקע,
דער הויכער וועג איז שטיל, עס רוט דער דינער שטויב.
אײַ־פּעטרי שטייט אין רויך, דער ים פון אונטן טויבט, —
פון ביידע זײַטן ביידע קינדער מײַנע טופּקען.

בײַם וועג אַ הויז, עס שמעקט מיט ווײַן דער ווײַסער טויער,
און פּעסער ריזיקע אין הויפנס רוען שטום,
איןברייטן קעלער ווײַניק רופט אַ רויטער טויער
די שטילע לופט, דעם גאַנצן בערגיקן אַרום.

אויפן ברייטן שיכּורן פּראָנטאָן פון טונקעלן קעלער
האָט פּעסט דער פירשט דער ווײַנשענקער פאַרשריבן — גאַנץ נאָך הײַנט:
— דער אמת איז אין ווײַן, In vino veritas *
און אָמן זאָגט די לופט, און ערד און הימל קוועלן.

* אויפן ווײַנקעלער פון פירשט, בײַם וועג צווישן אַלופּקע און מיסכאָר, איז פאַראַן
אַן אויפשריפט „דער אמת איז אין ווײַן״.

ב

און אויב דער אמת איז אין ווײַן, איז ניט אין ד ע ם —
איך ווייס אַזוי: דער ווײַן דערפרייט דאָס האַרץ פון מענטשן,
און פרייד — זי בין איך גרייט אין יעדער רגע בענטשן —
און ער, דער אמת, איז אין ווײַן, נאָר ניט אין ד ע ם.

מיט יאָרן דרײַ צוריק, אין טעג פון גרויסע שטרײַטן
קיין מאָסקווע כ׳האָב די זעלבע קינדערלעך געבראַכט,
אין אַ הויז, וווּ, מעגלעך, ס׳האָט דער פירשט דער ווײַנשענקער געלאַכט
און האָט געזויפט דעם ווײַן פון דרום ווײַטן.

אין פוסטן צימער איז דער צווייטער זון דער פינפיאַריקער אַרײַן,
די פרעמדע ווענט באַקוקט און פלוצעם אויסגעשריגן:
„ווײַן, ווײַן, אַלטער ווײַן!״
— — — — — — — — — — — — — — —

אַט יענער ווידערקול האָט איצט צו מיר דערגרייכט,
און אַט דעם ווידערקול אַנטקעגן
אַט דאָ דערזאָג איך הײַנט:
„ווײַן פון פלאַמיקן געבערעכט!..״

מיר גייען קיין מיסכאָר, מיר גייען קיין אַלופּקע.
דער הויכער וועג איז שטיל, עס רוט דער דינער שטויב,
אײַ-פּעטרי שטייט אין רויך, דער ים פון אונטן טויבט, —
פון ביידע זײַטן ביידע קינדער מײַנע טופּקען...

*

אשר שוואַרצמאַנען

דייַן טייַערן נאָמען —
די ווערטער די צאַרטסטע
פון האַרצן פון מייַנעם.

דייַן טייַערן נאָמען —
פון תּמיד, אויף תּמיד...

איך האָב אין דייַן נאָמען
זיי אַלע געמאָלדן,
איך האָב אין דייַן נאָמען געבענטשט —
פאַרגיב מיר! —
אַמאָל אויך געשאָלטן.

איך ווייס, מייַן באַצויבערטער ברודער,
מייַן ליכטיקער מענטש!
דייַן האַרציקע ליד
האָט בענטשונג פאַרהיט,
איך ווייס, אַז דו האָסט זיך פון שעלטונג געווערט,
פאַרגיב מיר, מייַן ברודער, מייַן העלד!

דערפאַר דאָך דייַן האַנט האָט געהאַלטן אַ שווערד,
קעגן פייַנטלעכער ווערלט האָסטו האַסטיק געשטעלט
די ביקס, וואָס אין פינגער אין יונגע געקריגן...
און איך האָב מייַן וואָרט דאָ געשמידט און געשליפן —
אויף האַס און אויך גיפט זאָל עס טריפן...
פאַרגיב מיר.

אין נאָמען אין דײַנעם איך האָב זיי געמאָלדן,
איך האָב אין דײַן נאָמען געבענטשט —
פֿאַרגיב מיר ! —
אַמאָל אויך געשאָלטן !..

*

אַט אַזוי ווערט פון האַרציקן טוי
און פון וואַרעמע יונגע געבליטן,
אַט אַזוי
ווערט פון מענטשלעכן לײַב,
וואָס אין צײַט איז געפּענטעט, —
ווערט אַ טרוים,
וואָס אין יאָרן, אין ווײַט איז געווענדעט,
ווערט געזאַנג, וואָס אין יאָרן פאַרבלײַבט ניט געענדערט.
אַט אַזוי
ווערט אַ טרוים,
אַ לעגענדע.

רעגן־בויגן

אויס רעגן, אויס רוישן,
נאָר טראָפּנס פון פּערל
אין ליכטיקע שויסן,
אַוווּ וועסט זיך קערן.

און דאָרטן אין הימל
אַ פּאַס איז געבליבן,
אַ פאַרבן־געווימל,
ווער זאָגט עס, אַז זיבן?

פון זען, פון געניסן
מײַן זעל איז שוין שיכּור,
די וועלט כ׳גיי דערוויסן
מיט עפּל פון בליקן.

דערוויסן, באַצווינגען,
באַפּרוכפּערן, מערן,
דער הײַנט זאָל באַדינגען,
דער מאָרגן זאָל הערן.

פון הײַנט און פון מאָרגן
מײַן זעל איז באַטרונקען,
נאָר ערגעץ פאַרבאָרגן
דאָרט רוישעלער זינגען.

„די פאַרבן די זיבן
אַ צייכן פאַרהיטן,
אַ צייכן געגעבן
אויף אייביקן פרידן".

מײַן שיכּרות פאַרשווענקט מיך,
מײַן טראָט ווערט אַלץ גיכער,
פון קינדהייט געדענק איך
דעם צייכן פון זיכער...

מײַן זעל זיך צעשמייכלט:
פון רײַך איז זי רײַכער,
כ'וועל ווײַזן דעם צייכן
איעדן מײַן גלײַכן.

איעדן באַווײַזן,
צו יעדן זיך ווענדן:
— איך געדענק נאָך אַ מעשׂה,
איך ווייס אַ לעגענדע.

*

דיר, שטענדיקע ענדערונג,
שמיד איך אַ ליד.
דיר, וואָס דו האָסט זיך דאָ העליש צעברענט,
דיר, וואָס דו האָסט זיך דאָ פלאַמיש צעגליט,
איך ברי מײַנע הענט,
און איך שמיד דיר אַ ליד...

אין וואַלד

פייגען אַ מתּנה

ניט אומזיסט דאָ קלײַבט מען, היט מען
קלאַנגען, ווערטער, מאָסן, ריטמען.

יעדער קלאַנג האָט זײַן באַדײַט,
האָט זײַן אָרט און האָט זײַן צײַט.

וויפל צײַגן, וויפל שטאָפן,
פּונקט אַזוי פיל גענג און סטראָפן.

יעדער גליד און יעדער שיכט
האָט זײַן ליד, האָט זײַן געדיכט.

כ׳האָב געהערט, אַז ליד איז סאַמעט —
וועלטן־שטאָף אין שטערן־ראַמען.

כ׳האָב געוווּסט פון ליד די טיף —
ספערן־גאַנג, פּלאַנעטן־טריף.

כ׳האָב געהערט פון לידער — זײַדנס,
ניט פון נאָענט — איז פון ווײַטנס.

ניט בײַ זיך — איז דאָרט בײַ לײַטן,
ניט פון איצט, איז פון פאַרצײַטן.

אויך געוווּסט, אין לידער זידט מען,
אויך געוווּסט, אַז לידער שמידט מען.

אויך געוווּסט, אַז ליד איז שטאָל,
שטאָל, וואָס שטײַפּט זיך וואָס אַמאָל.

אויך געוווּסט, אַז ליד איז דימענט —
האַרטע, שאַרפע, העלע הימנען.

אויך געוווּסט, אַז ליד איז שײַן,
שײַן, וואָס דרינגט אין שטאָף אַרײַן.

הײַנט פון שײַן נאָר וויל איך שפּינען.
ס'איז דאָך דאָ אַ וואָרט: באַגינען!

ווּ איך פאָר, דאָ איז ער הי,
ווּ ס'איז שפּעט שוין, איז נאָך פרי.

דאָך פאַרשאַפט מיר זיסע ליידן
יעדן טאָג זיך מיט אים שיידן,

יעדן טאָג אין אָפּ, אין גרונט,
זאָגן אים אַ זײַ־געזונט.

ניין, איך ווייס, ער איז דאָ שטענדיק,
ס'איז אין אונדז אַליין געווענדעט

זיך דערוויסן, ווּ און ווען
אים צו טרעפן, אים צו זען.

אים, דעם לויטערן באַגינען,
כ'האָב גענומען זיך געפינען.

כ׳האָב פֿאַרלאָזן דאָרף און שטאָט,
כ׳בין אַרויס אויף גאָטס באַראָט.

כ׳בין אין פֿעלד, אין וואַלד געגאַנגען,
כ׳האָב געהערט די רויִע קלאַנגען.

כ׳האָב געשפּירט און כ׳האָב געהיט
אַלע ערשטע, ווילדע טריט.

און אויף שפּירן און אויף זוכן
אפֿשר טויגן אַלטע שפּרוכן.

אויף אַ שפּריכוואָרט האָב איך מיר,
אַלטע, אַלטע ווערטער פֿיר.

כ׳האָב אַמאָל זיך זיי פֿאַרצייכנט
(כ׳וועל זיי ברענגען, זײַט מיר מוחל).

אויב ס׳וועט קיינער ניט פֿאַרשטיין,
וועט פֿאַרשטיין האָפּשטיין אַליין.

כ׳האָב געווענדעט זיך צו ביימער:
יום ליום יביע אומר —

ניט פֿאַרשטאַנען האָבן זיי,
ניט פֿאַרשטאַנען האָבן זיי...

הייסט עס, כ׳האָב פֿון שפּרוך קיין נוצן?
אפֿשר קאָן ער כאָטש באַפּוצן?

טראַכט זיך יעדער, וואָס ער וויל,
כ׳בין נאַר אויסן — הערט מיך שטיל:

כ׳בין אין פעלד, אין וואַלד געגאַנגען,
כ׳האָב געהערט די רויִע קלאַנגען.

כ׳האָב געשפּירט און כ׳האָב געהיט
אַלע ערשטע, ווילדע טריט.

האָט דער וואַלד מיך טיף פאַרצויגן
און געקוקט מיר אין די אויגן,

אין אַ יונגוואַלד מיך פאַרפירט
און געזאָגט מיר: „שטייט און שפּירט!"

איז אַ וואַלד מחויב אירצן?
פרעגט ניט, ניט באַקוועם איז קירצן.

כ׳בין געשטאַנען, כ׳האָב געוואַרט,
כ׳האָב געוואַרט ביז מיט פון נאַכט.

כ׳שטיי און שפּיר — אין מיטן־דרינען
עס באַווײַזט זיך מײַן באַגינען.

ס׳האָט מײַן האַרץ פאַרשווענקט אַ פרייד,
כ׳שטיי און קוק — צו ווונדער גרייט.

קיינע ווערטער קאָנען דינען
אײַך צו מאָלן דעם באַגינען,

ווי ער שטייט און ווי ער גייט —
ס'האָט מײַן האַרץ פאַרשווענקט אַ פרייד.

איינס איז מיר נאָר איצט געבליבן,
אײַך אין פראָסטע ווערטער געבן,

וואָס איך האָב געזען דאָרט און...
וואָס באַגינען האָט געטון.

ער האָט שטיל אַ פונק פאַרלוירן,
אים געוווּנקען — ווער געבוירן!

און פאַרזאָגט אים: — גלי און בלי,
און צעפלאַנץ זיך אין דער פרי.

האָט דער פונק (נאָך גאָר אַ בלאַסער)
אים געענטפערט און געחזרט:

גלי און בלי און גלי און בלי
און צעפלאַנץ זיך אין דער פרי!

האָב איך שטיל געוואַרט מיט ציטער,
כ'קוק — דער פונק איז פערלמוטער.

גלי און בלי, און גלי און בלי,
כ'גיב אַ קוק, עס שפּריצט דער פרי.

האָט דער וואַלד מיר שטרענג באַפוילן,
איך זאָל אַלעמען דערציילן.

זעט, באַגינעז זיך באַהאַלט
דאָ בײַ מיר אין טיפן װאַלד.

און פון זיך נאָך כ׳װעל דערגעבן:
שײן און שײן און שײן איז לעבן!

װוּ איך פאָר, דאָ איז ער הי,
װי ס׳איז שפּעט שוין, איז נאָך פרי.

װי איר זײַט דאָ ניט פאַרנומען,
זעט, אַז אײַך זאָל אויך נאָך קומען,

אײן מאָל אויסקומען זאָל אײַך
אַלץ צו זען מיט מיר באַגלײַך.

האָלאָסײעװער װאַלד, 1929

סילועטן

בלוי איז בלוי, און ראָז איז ראָז,
און צו נאַכט־צו ווערט אַלץ שוואַרץ,
איז פֿאַר וואָס זשע, איז פֿאַר וואָס
ציטערסטו אַזוי, מײַן האַרץ?

אַך, מײַן האַרץ האָט זיך דערמאָנט,
אַך, אָט זע איך, זע איך זיי
אויף בלוי־ראָזן האָריזאָנט —
צאַפּעס באַרגיקע אַ ריי.

שוואַרצע צאַפּעס, שטרענג געשניצט
שנירן זיך בײַם האָריזאָנט.
אָט זיי גייען — אָט ווי איצט,
און די געגנט כ'האָב דערקאָנט.

רעכטס די בערג, און לינקס דער ים,
און דער זוים פֿון טאָג און נאַכט.
אויף דעם ראַנד און אויף דעם ראַנד
גייען צאַפּעס זיך באַזאַכט.

און דער אויטאָ שוועבט און שוועבט,
און דאָס אויג דאָס בילד פֿאַרהאַלט,
און מײַן האַרץ אין ציטער לעבט
בײַ דעם זוים פֿון יונג און אַלט.

ווי פאַרנאַרט מען עס אין וואָרט
אָט דאָס פּראָסטע, שטילע בילד,
וואָס האָט אויפגערירט מיך דאָרט
און אָט דאָ איך האָב דערפילט?

מײַן גאָב

א

מײַן גאָב, מײַן דיכטערישע גאָב,
מײַן שווער געשאַנק!
ווי שווער איז דיך צו גרײַפֿן,
ווי שווער איז דיך צו האַלטן און צו טראָגן,
אַך, ווי שווער!

צי בין איך ניט דער יעגער
פֿון יענעם אומגליקלעכן פֿאַנג,
ווען ס'איז ניט קלאָר געוועזן — וועמען ווער:
דער בער דעם יעגער אָדער גאָר פֿאַרקערט:
דער יעגער האָט דעם בער.
איך זור, איך לאָקער, און איך נישטער,
איך בענק, איך לעכץ, כ'גיי אויס נאָך דיר,
און דו? — דו ביסט אין מיר און האַלטסט מיך שטום.
און פּלוצעם:
ווען אַלץ אַרום מיך צווינגט פֿאַרגעסן,
ווען כ'וויל פֿון לײַכטקייט אויף דער וועלט געניסן,
ווען כ'וויל ווי אַלע האָבן און פֿאַרמאָגן
דאָס ניכטערע, דאָס נייטיק ביסל וויסן,
דאַן קומסטו פּלוצעם אָן,
ברויזסט אויף מיט פֿלאַמען דורכן נעפּל,
מיט לויכטנדיקן רויך,
און מײַן באַוווּסטזײַן ווערט פֿאַרפּלייצט
פֿון שוימענדיקן פֿײַער.
פֿון גומען,

פון די ליפּן שווימען הייסע רייד,
מײַן אויער הערט זיי קוים.
ער פורעמט הייסערהייט אין רייען שטאָלענע
געקנײַקלטע געשרייען.
און טיפע בענקשאַפט טרעט אַרויס
דורך בלאָוון גלאַנץ פון שטאָל,
און קרעפטן פעסט געבונדענע
אומזיסט זיך רײַסן
דורך דעם קלונג פון אײַזן,
און ס׳ווערט געקייטלט און געשמידט
אָט דאָס, וואָס הייסט דאָ „ליד".

ב

וואָס דאַרף איך זי, מײַן שיינע גאָב,
אַז איך בין איר אָוועקגעגעבן?
זי צערט מײַן קערפּער, ווי אַ ראָב,
און פון מײַן טויט זי שעפּט זיך לעבן.

וואָס דאַרף איך זי, די שיינע קראַפט,
אַז כ׳קאָן זי זעלטן נאָר באַצווינגען?
אַז ווען זי וויל, זי קומט און שאַפט,
און מײַנע ביינער ריידן, זינגען.

ווען ס׳איז דער קאָפּ אין יאָך געבייגט —
אין שווערע שורות לײַכטקייט שפּרייטן!
און ווילקלאַנג וועגן אויפן לויט,
ווען רעש מיר שפּאַלט די אויער־הויטן!

וואָס דאַרף איך שאַרפֿן יעדן קאַנט,
וואָס דאַרף איך איצט די ווערטער מעסטן,
ווען ס׳ברעכט די האַנט די פֿעסט פֿאַרפֿרעסטע
צעשפּריייזטע פֿענעס נאָך אַנאַנד?

ג

אין דײַן זעל
אין דײַן זעל
פֿון געהיים
פֿון טיל־טעל
מיט ווײַסקייט פֿון וואַנט
מיט בלאַסקייט פֿון ליים
קוקט אַרויס נאָך אַ ווינקל,
וואָס ווינקט און דערמאָנט
אין אַ הויז,
אין אַ היים.

ציט אַ שאַר טאָן
אין אַש,
ציט אַ זוך טאָן
אַ שוועל
אין אַן אייגענער זעל,
ציט אַ שטעק טאָן אַ האַנט
צו דעם שאָטן, וואָס שלײַכט דורך אויף גיך,
צווישן קויל פֿון טיל־טעל,
צו דעם שאָטן פֿון אייגענעם איך,
וואָס געדרייט אין אַ קנוילכל
באַוווינט אָט דעם ווינקל פֿון וואַנט

אויף טיל־טעל
פון דײַן אייגענער זעל.

ד
איך בין מיט זיי געוואַקסן,
געלעבט מיט זיי
אין וויי, אין האַס,
אין גרויסע פריידן...
זאָל זײַן פאַרשיידענע
דאָך יעדער,
דאָךביידע.

און איך, ווי זיי —
רעדער
אויף איינער,
אַ גרויסער אַקס,
געהעפט, געטריבן
דורך איינעם אַ מעכטיקן,
אַ ברייטן פּאַס,
אין איין געביין
געבונדן
מיט האַרט געשניצטע
ציין...

און איצט
בין איך
אין לעבן
אַליין
געבליבן...

עס ברענט דער לאָמפּ.

דאָרט הינטער טיר און טויער
די שטאָט אין טומל הויערט.

ס׳איז צו פיל שטיל געוואָרן
אין מײַן ווינקל,
אַ שאָטן־דאָרן
וואַקסט דאָרט אין דער טונקל...

אָט איז זי דאָ,
די בייזע שעה.
אָט איז זי ווידער,
און בינדט
און גליווערט מיר די גלידער...
מיך וואַרגט,
מיך שטיקט
אַ י ע נ ע מ ס ש ט ר י ק ...

איך ווער אין גליווער ווי דערוואָרגן,
נאָר אָט אַ שטים
און ס׳עקבערן צוויי ווערטער:
ד ע ר... נ ע כ ט ן...
רויך...
דאַמף...
אַ קויל;
מיך וואַרפט
אין גרויל
אין לעצטן קראַמף.

און ווידער שטיל...
אויף דער טויטער וואַנט דער בלייכער
פון די שאָטנס אין די ווינקלען
פונעם גאַנצן טונקל,
וואָס געווען איז דאָ פאַרבאָרגן,
וואַקסט אַ צייכן,
וואַקסט אַ פראַגע,
און צו מיר זיך קערט:
מ אָ ר ג ן ?
ו ו ע ר...

ה

ניין, ניין, ניין.
איך בין ניט אַליין.
איך בין דאָ מיט אַלע
פעסט געבונדן —
ס'איז אַ בייזע שעה
אָנגעשוווּמען און פאַרשוווּנדן.

כ'ווייס שוין לאַנג ניט,
וואָס איז דאָס באַזונדער.
מײַן „אַליין"
קאָן פאַר זיך באַשטיין
מײַן „אַליין"
הייסט —
אין פאַרלעגנהייט
אַ רגע
שטיין.

זאָלן גיין פאַרביַי, פאַרביַי,
די וואָס איַילן,
די וואָס מיַידן
מיט אַ קורצן אָטעם.
כ'שטיי אַ רגע
כ'דאַרף דעם וועג ניט פרעגן —
דאָ פון אונטן
כ'בין פאַרבונדן
מיט אַ פעסטן פאָדעם,
וואָס מיך פירט
אין אַלע לאַבירינטן.
קיין לאַמטערנדלעך
איך דאַרף ניט צינדן:

פון הייך
מיר לויכט
די ליכט,
וואָס מיליאָנען
האָבן אָנגעצונדן.

לאַנד, מיַין לאַנד,
וואָס מיט דערהויבנקייט
אין צוקונפט שפּריַיזט!
כ'באַפעל מיַין גיַיסט,
מיַין ליַיב,
מיַין זעל
ביַי דיר אין האַנט.

מײַן טאָג,
מײַן נאַכט,
מײַן טרויער
און מײַן פרייד —
פאַרטרוי איך דיר.

איך בין קיין מאָל ניט אַליין
אויף דײַן באַנײַטן פּלאַן.
און אַלע מײַנע װעלטן
שליס איך אײַן
אין דײַן צעברויזטער שײַן.
דו האָסט צו שאַפֿן
אויף שווערער מי
אויף מײַנער,
וואָס ווײַזט זיך פֿאַר דער וועלט
אין פֿליגלדיקן שפּילעוודיקן, שאַפֿן,
און ביז דו האָסט אַליין
דעם פֿאָדעם מײַנעם ניט פֿאַרשניטן,
בין איך מיט אַלע דאָ
אויף אָט דער גרויסער ברייט,
וווּ אומעטום איז מיט
און אומעטום — אין מיטן,
וווּ יעדער מי איז שיין,
וווּ יעדער מי פֿון הײַנט
מיט חן פֿון מאָרגן איז באַשײַנט.

לאַנד, מײַן לאַנד,
וואָס מיט דערהויבנקייט
אין צוקונפֿט שפּרײַזט.

כ׳באַפעל
מיַין גיַיסט,
מיַין ליַיב. מיַין זעל
ביַי דיר אין האַנט!

14טער אַפּריל 1930.

*

רויש פון רעדער, רויש פון רעדער.
דרום־מערב ווערט דערוויַטערט.
ווידער, ווידער, ווידער, ווידער
ווערט מיַין גיַיסט אין וועג געליַיטערט.

אָוונט, אָוונט, טיף אין אָוונט,
אין אַ זיַיט אַ פּאַס פון רויטן
גליַיך דער אויפגאַנג איז דאָרט נאָענט,
און ער שיילט זיך פון די שויטן.

פון די טונקלע ווייכע שויטן
שיילט זיך אויס דאָרט אַ פרימאָרגן.
שוועבט דער צוג, עס בליַיבט דאָס רויטע
אין אַ זיַיט און ווערט פאַרבאָרגן.

— — — — — — — — — — —

ס׳איז מיַין קינדהייט דאָרט פאַרשוווּמען
און אויף שטרויכן דאָרט צעהאַנגען;
ערשטע ווייען, ווייען שטומע,
ערשטע האַרציקע געזאַנגען.

אין וואַגאָן

אַ רעגן

פון אינדערפרי הײַנט גייט און גייט
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן.

ס׳איז טיף אין פרילינג,
ס׳איז ענדע מײַ,
איך בין אין שטאָט,
נאָר אַלע מײַנע חושים שפּירן,
וואָס טוט זיך דאָרט —
אין דאָרף,
אין גרויסער וועלט
פון פעלד.

פון אינדערפרי הײַנט גייט און גייט
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן —
ס׳איז זיסע זאַפט,
ס׳איז קראַפט
פאַר ווײַטערדיקן וווּקס,
און אויך
איז אַזאַ רעגן פעך
און סם
פאַרן פרעכן ווירבלענדיקן ים
פון פליגעלער און פליגן,
וואָס שעדיקן
די פעלדער און די סעדער...
ס׳איז אַזאַ רעגן
אַ גרויסער כּוח,
וואָס קאָן באַוועגן

שווערע רעדער!
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן...

איך בין אין שטאָט,
איך הייב זיך אויף מיט ערשטן פּײַף
פון אונדזערע פאַבריקן,
איך זאַפּ אין זיך דעם רויש
פון טלאָען און פון רעדער אויפן ברוק,
דעם רויש פון טויזנטער געצײַגן און מאַשינעס.
נאָר איך געדענק,
אַז ס'איז
די שטאָט אַ ריז,
אַ פעלדז
אין ים פון פעלד,
און אַלץ איז איצט
פאַרטיפט אין גרינען,
ווו וואקס זיך ריכטעט
אין מילדער שטילקייט
אין שויס פון ערד —
אין באַדנדיקע, אָנרוישיקע מאַשינעס.

כ'געדענק עס שטענדיק...
און ערגעץ טיף אין מיר
ווערט רײַף די שטילקייט
וואָס שווימט אַרויף פאַר שטורעם.
און ווי פון לאַנג,
פון שטענדיק
איז מײַן צעשטרייטער בליק,
וואָס וואַרפט זיך אָן אויף אַלץ,

אַצינד אַהין, אַהין, אין טיף פון האַרץ
גערוענדעט,
און כ׳הער ניט אויף בײַ זיך צו פרעגן:
ווען?
ווען קומט זי אָן, די רגע?
די רגע, וואָס ברענגט דאָרט אין באַוועגונג
די שווערע סודותדיקע קייט
פון טיפן דויערנדיקן שאַפן,
די לאַנג געגאַרטע ציטערדיקע רגע...

פון אינדערפרי הײַנט גייט און גייט
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן.

ווי גרין, ווי ברייט
די שטאָט זעט אויס פון מײַן באַלקאָן,
איז ווינציק מיר,
און ענג איז מיר אין צימער,
מיך ציט אין רעגנדיקער נעץ —
אין פײַכטע פאַרהאַנגען
אויף שטאָטישע פראָנטאָנען,
וואָס לאָזן גרינג מיך דורך,
וואָס לאָזן מיך פאַרבײַ
און הערן אַלץ ניט אויף צו הענגען...

אָט פאָרט אָן אַ טראַמוויַי...
פאַרקערעוועט בײַם ראָג...
עס העלמעוועט דער רעלס פון אונטן.
פון אויבן טרײַבט דאָס רעדעלע בײַם דראָט,
און פון דער שפּיל,

וואָס „אָפּ“ און „צו“
דאָרט פירן אין עלעקטרע־שטראָם,
גיט פּלוצעם זיך אַ שאָט
אַ הויפן פונקען:
רויט און בלוי און געל און פיאָלעט.
און איינער אַזאַ פונק
דורך שפּיגל פון מײַן אויג
פאַרקלײַבט זיך ערגעץ טיף,
און ס׳ווערט דאָרט פּלוצעם קלאָר,
און ס׳גיט אַ טרײַב,
און ס׳גיט אַ טאָרע,
און ס׳גיט אַ גיי אין מיר
מײַן צאַרטסטער, מײַן קרעפטיקסטער מאָטאָר...

אין פולער ליכטיקייט, אין העלקייט
ער נעמט, ער נעמט, מײַן מעכטיקער מאָטאָר,
אַ שנעלקייט נאָך אַ שנעלקייט,
און איך דערזע די שטאָט
פון העכסטן דאַך
ביז נידעריקסטן ציגל דאָרט אין קעלער,
און ס׳דרינגט מיך דורך
דער גאַנצער גרויסער זין
פון שטאָט,
פון איר געשפּאַנטער און געפּלאַנטער אַרבעט,
וואָס האָט אין זיך
אַ האַרץ פון יענער ברייטער וועלט,
פאַר יענער העלער הייך,
פאַר וועלט פון פעלד,
וואָס גרינט.

דער גאַנצער גרויסער זין
פון שטאָט,
וואָס דרינגט מיט איר געצײַג און איר געדראַנג
אין יענער דרעמלענדיקער שטילקייט,
וואָס איז צעגאָסן רײַך
אויף לאַנגער פלאַך פון טײַך,
אויף גראָז און אויף געשטרויך,
כ׳באַגרײַף דעם גאַנצן גרויסן זין,
פון שטאָט,
וואָס דרינגט מיט איר געצײַג און איר געדראַנג
אין נאָגנדיקער שטילקייט,
אין שלעפערדיקן דאָרפישן געזאַנג
און טרייסלט און צעטרייסלט
דאָס אַלטע שטרויענע פאַרמעגן...
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן...

1930

*

...איבער די ווײַטע מײַלן
איבער דער שטויביקייט,
שטײַגן צוויי הויכע זײַלן,
זײַלן פון גלייביקייט...

פירער און ווײַזער געטרײַע
איבער דער ווײַט דער פאַרשאָלטענער.
איינער פון העלישן פײַער,
איינער אַ זײַל אַ פאַרוואָלקנטער.

איינער אין טאָגיקע פלאַמען,
איינער אין נאַכטישער ווײַטעניש,
ביידע, זיי ביידע צוזאַמען
פירן צו לײַטערניש.

שנייען

אַ, ווײַסע ימען פֿרייד!
דו, יאָג פֿון ווינט,
דײַן פֿענט פּאַרטײַע,
פֿאַרלויף אַהין
אין ווײַטן קרײַז,
אין ווײַסן קיניגרײַך פֿון ווינטער אייביקן,
ווו איבער אײַז און שנייען שפּאַנט דער טאָג
אַ נע־ונד, אָן וועג, אָן צייכן פֿון אַ היים, —
אַהין פֿאַרלויף און דאָרט פֿאַרגיי.

מײַן הויז אין שנײ

דערװײַל פֿון האָלץ
מיט קלײנע קײַלעכדיקע שטער פֿון אײַזן,
נאָר גרינג איז מיר צו זען,
אַז שטײן שטײט מײַן הויז
אין מיט פֿון ערד,
און גרינג איז איבער ליכטיקן אַרום
אַן פֿערד, אַן שנײשיך פֿלינקע
און שטענדיק אין דער מיט
צו יאָגן זיך אויף שטילע קלאַנגען,
אַ פֿרעג טאָן בײַ דער הײך:
דו װײסט, אַז כ'בין דאָ אויך?
דו װײסט: מײַן הויז (דערװײַל פֿון האָלץ)
אַן אָנהײב איז פֿון כּישופֿדיקן ייִשובֿ,
אַ צענטער פֿון אַ ברײטן קאַן.
ס'װעלן הײַזער אויפֿקומען דאָ שטאָלץ
פֿון אײַזן, פֿון בעטאָן,
אַ סך, אַ סך,
עס װעט דאָ זײַן אַ שטאָט — אַ כּרך!

אין פּאַרק

אַך, ווי זיי דערפרישן
קלאָרע טעג פון האַרבסט!
אַך, ווי זיי פאַרווישן
וויי פון האַרץ!

צונטער וועלקן בלעטער
אונטער אונדזער ברייט;
מונטער שמעקן בלעטער
טויטערהייט...

טאַשן פול קאַשטאַנען;
קינדער אין אַ ראָד!
דאָרטן, וווּ מיר זייַנען
דאָרטן איז אַ שטאָט...

קראַפט

אַלבערט איַינשטיינען געווידמעט

א. די ליד פון איינצלנעם

(לויט אַלטע מאָטיוון)

ניט גאָט, ניט גאָט, ס׳איז איר אַליין האָט מיך געשיקט,
און יעדערער פון איַיך דאָס טיף און זיכער ווייסט,
ניט מער, איר האָט דערשראָקן זיך פאַר איַיער דרייסט,
דערשראָקן זיך פאַר איַיער גרייס און שלעפּט צוריק.

צו שפּעט! ס׳איז איַיער אומבאַוווּסטזיניקע קראַפט —
ווי אומעטומעדיקע קראַפט פון ערד־מאַגניט,
וואָס ציט און ציט, און גיט און גיט, און ווערט ניט מיד
און ניט געמינערט ווערט און אַלץ זיַין שאַרף פאַרהיט.

און איַיער שרעק, און איַיער טעמפּער ווילן איצט,
און מ׳שטיינס געזאָגט, דאָס וויסן איַיערס אָט אַצינד
(איך זאָג עס איַיך, אויף שטערנס איַיערע פאַרקריצט),
דאָס וויסן איַיערס, עס איז נישטיק קליין און בלינד.

עס האָט זיך אייניקע פון איַיך שוין רו פאַרוואַלט,
די קנעכט אין איַיך זיי האָבן זיך געטאָן אַ ריר,
עס האָט אַ בלענד געטאָן פאַר איַיך דער גלאַנץ פון גאָלד,
עס האָט אַ רעד געטאָן אין איַיך דער אַלטער גיר...

איר זעט נאָר רויב אַרום, איר זעט שוין ניט קיין פיַינד,
אַ קריג ביַי איַיך איצט גייט פאַר רויב, פאַר קליינער מאַכט,
איר זעט קיין צוקונפט ניט, געגנוג איז איַיך דער היַינט,
און פאַר דעם בלינדן היַינט איז היַינט דער ברידער־שלאַכט.

ב. די ליד צום איינצלנעם

דו ווייס! ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן דײַן קראַפט,
ווי שיין, ווי פעסט דײַן שטרעבן און דײַן גאַרן,
דײַן האַס, דײַן ליבע און דײַן פּײַן, וואָס שאַפט
פאַר מענטשן־מילבן און פאַר מענטשן־האַרן, —

דו ווייס, אַז קראַפט דאָ אויף דער רויער ערד
אַ שאָטן איז, אַן אָפּשײַן פון מאַסיוון,
און יעדער דראַנג איז שוין מיט וואָג באַשווערט
וואָס ציט, אָן אויפהער ציט אים צו די טיפן.

ס׳איז דין די הויט, וואָס דעקט די אינגעווייד.
מיר רופן אָן זי ערד די הויט די דינע.
און ענדערונגען אויף דער ערדן־ברייט
די רופן פון דער אינגעווייד נאָר דינען.

דער מענטש האָט אין זײַן הערשאַפט שוין געוווּסט
פון זעלבסטפאַרגעטערונג, פון קינדערש שיינער...
און ווען דער פּחד האָט באַהערשט זײַן ברוסט,
איז ער אַרײַן אין טונקלער זעלבסטפאַרניינונג.

איצט איז די הערשאַפט ווידער טיף פאַרפירט
אין זעלבסטפאַרליבטקייט און אין זעלבסטבאַקרוינונג —
דער מענטשן־„איך״ שוין זיך אַליין איצט אירט,
און זאַלבט זיך שוין אַליין אין קליינער וווינונג.

דייַן גרויסע קראַפט, דו, איינצלנער, געדענק —
איז נאָר אַן אויסדרוק פון די ברייטע מענגען,
מיט זיי דייַן דראַנג מוז זייַן פאַרבונדן ענג,
מיט זיי אויך קאָן דייַן גרויסן דראַנג באַשרענקען.

*

אַז יעדער שפּאַן פֿון ערד נאָך מענטשן־בליקן בענקט !
שאָטן מיסט. אַ ווינקעלע אַ קעלערדיקס, אַ שטילס,
אונטער אַן אַלטן שאַכטל פֿאַרשוואַרצטע קלעצער,
און אָט דאָס ביסל מיסט איז אין דער רגע מילד,
ווי פּראַכט פֿון רוישנדיקע פּלעצער...

איך בין אויף ס׳נײַ געוואָרן דאָ געוווירע,
אַז יעדער שפּאַן פֿון ערד נאָך מענטשן־בליקן בענקט,
אַז זינגענדיקע הערשאַפֿט איז מיר דאָ געשענקט,
און צו דער הערשאַפֿט בין איך איצט געבוירן.

אַ שלאַקסרעגן אין שטאָט בערלין

אַ שלאַקסרעגן אין שטאָט בערלין,
ווען אומעטום אויף ריינע גאַסן איז שוין גרין,
איז שיין, ווי אומעטום.

אין מײַן צעטראָגנקייט
האָב איך גענומען זיך אַ צימער אונטער דאַך
ס׳האָט עמעצער געלאַכט —
ווען כ׳האָב איצט צײַט,
וואָלט איך געלאַכט פון אים,
נאָר כ׳האָב אַ סך, אַ סך
צו טאָן
צו הערן און צו זען.
עפּעס טוט זיך דאָ אַרום
אַ גרויסע, גרויסע זאַך;
ביליאָנען טראָפּנס
קלאַפּ
קלאַפּן,
אויף מײַן דאַך,
די וואָלקנס גייען נידעריק און שווער
און בליצן שטרענגען אָן מײַן ווען
און גרייטן מײַן געהער:
טראַך!
אויף מענטשן־שפּראַך
איז דאָס די קלאַנגען־צייכנס פאַר אַ דונער,
איך זיץ
און פיל
און טראַכט:

אין פּונקט אַזאַ פאַרהעלטעניש,
ווי אָט די שלאַנגען פון דעם אויסרוף־טראַך
צום דונערדיקן קנאַלן איבער שטאָט,
איבער הײַזער,
שלעסער,
הויפן,
גערטנער,
פּלעצער,
ווערקן,
בריקן,
פּאַסן טײַך —
אין פּונקט אַזאַ פאַרהעלטעניש
איז די שטאָט אַליין:

דאָס גאַנצע טאָן
דאָס גאַנצע גיין,
לויפן,
דאָס גאַנצע הייבן
מיט די וווּנדער־שיינע קראַנען,
דאָס גאַנצע שיינע שנעלע שפּאַנען
מיט שיפן אויפן טײַך,
מיט באַנען
אויף דער ערד
און „אונטער דר׳ערד״
(ווי לײַכט זיך גענדזן־פּיסלער שטעלן)
אַלץ, אַלץ,
וואָס ווערט באַצייכנט מיט באַגריפן
„באַקומען״ און „דערוואָרבן״ —
אין פּונקט אַזאַ פאַרהעלטעניש

איז דאָס אַלץ
צו דעם,
וואָס גייט אַליין,
וואָס שיט זיך דאָרט
אַליין,
אַליין
פון גאָלדענע, פאַרוואָלקנטע
און קנאַלנדיקע קאָרבן.

איך זיץ,
איך וואַרט אויפן צענטן בליץ.

איך פיל דעם טיפן זין
פון שטילן רוען מייַנעם.

אין מוח
צי אין האַרצן
(זיי זייַנען ביידע ענג פאַרבונדן איצט)
שלייַכט זיך דורך
אַ זעונג —
אַ געדאַנק:

אין אינדיע,
אין ניט־געזעענעם,
אין וווּנדערלעכן לאַנד
פאַראַן איז אַזאַ טייַך
מיטן שיינעם נאָמען „גאַנג",
און מענטשן האָבן דאָרט באַגריפן
דעם „טיפן" זין

פון לײַדן און זיך ניט װערן
און פון באַװוּנדערן
דעם „טיפֿן“ זין —
זײ בלײַבן אָן באַװעגונג
ביז צװײַגן
פֿעסט באַפֿלעכטן זײער לײַב...

נאָר דאָ,
אין שטאָט בערלין,
בײַ שפּרע דעם טײַך,
האָט מײַן הערן זײַן זין
אין דעם —
און נאָר אין דעם, —
װאָס אַלע מײַנע פֿרײַנד
אָט דאָ, אָט דאָרט,
װאָס אַלע די, װאָס זײַנען הײַנט
בײַם דניעפּער (װי בענק איך שױן אַהין)
בײַ מאָסקװע־טײַך
בײַם גרױסן האָדסאָן
און שפּעטער,
שפּעטער
אַלע די אױף קײַלעכדיקן ערדישן באַראָט,
אַז אַלע, אַלע נידערגעשלאָגענע און מידע
װעלן פֿרײלעך זיך דערװויסן,
װי ס'האָט אַ שלאַקסרעגן
געשמאַק געשמיסן
אַ גרױסע אַלטע שטאָט.

דורך מײַנע שורות

ווען זיי דערזעען,
ווי שיין אַ שלאַקסרעגן באַפאַלט
אַן אַלטע,
אַלטע
שטאָט בערלין,
באַפאַלט
און האַלדזט,
און שטיקט,
און באָדט,
און שווענקט,
און מאַכט זיי גראָ
די ריינע גאַסן,
וואָס זייַנען אומעטום
שוין גרין
און גרין.

אַ שלאַקסרעגן אין שטאָט בערלין.

ד

איך גלייב

1948-1933

פון די ביכער:

פרייד פון נייַעם זייַן

אין אונדזערע טעג

איך גלייב



דוד האָפשטיין

געצייכנט פון ה. אינגער

פרייד פון נײַעם זײַן

*

„ניט לאַכן, ניט וויינען, נאָר פאַרשטיין".
שפינאָזע

אויג אויף אויג מיט דיר
איז מיר גאָרניט שווער.
זוך איך דיך און שפיר
אויף מײַן יעדן קער
אויף דעם ענגן שטעג
פון דער האַרטער ערד,
אויף דעם ברייטן וועג,
דאָרט, וווּ הימל ווערט.

*

אָט די וועלט, ווי זי איז,
מיט איר הייך, מיט איר ברייט,
אָט די וועלט, ווי זי איז,
ווי זי שטייט, ווי זי גייט,
מיט איר „פון", מיט איר „ביז"
בין איך גרייט הײַנט אויף ס'נײַ צו באַנעמען.
און דעם גרויסן אַלצדינג
אונטער נײַעם באַדינג
געבן נײַע און ריכטיקע נעמען
און אויך זיך,
אויך מײַן אייגענעם „איך",
גאָר אויף ס'נײַ
אונטער אויפֿזיכט צו נעמען.

אויך מײַן אייגענער בליק
וואַרפֿט שוין ווירקלעכע ליכט
אונטער שטרענגער געוואָרענע ברעמען,
און מיט שאַרפֿקייט פֿון הויכן געריכט
אויך מײַן אייגן געזיכט
איז ער גרייט צו באַנעמען.

פרילינג

א. גורשטיינען

פון וואַנען קומט ער אָן,
דער פרילינגדיקער אָטעם?

ס'איז איצטער ווינציק מיר
דאָס צו געגוויע וויסן,
אַז ס'האָט די ערד
זיך צו דער זון
אַ ביסל
נעענטער געקערט.

איך ווייס נאָך ניט קיין מאָס
פאַר מײַן באַנײַטער שפּירונג,
איך האָב נאָך ניט קיין וואָג
פאַר שטראַלנדיקער צירונג,
וואָס
איך פאַרמאָג,
וואָס הענגט אַרום די ווענט
פון מײַן געביין.
נאָר איינס איז קלאָר:
פון אַלע מײַנע טונקעלע לאַסטן
בין איך ריין.

נאָר איינס איז קלאָר:
איך בין בײַם אָנהייב ערשט
פון מײַן דערפילונג,
ס'איז אָנהייב יאָר,
ס'איז פרילינג!

*

עלי באר
(במדבר כא, יז)

ש. מיכאָעלסן מיט ליבע

שלאָף ניט, ברונעם,
אין דײַן וויג,
גיי אויף, ברונעם,
פון דײַן טיף!
גיב מיר, ברונעם,
פון דײַן טיף
אַ שטיק.

ברונעם, הער נאָר
אין דײַן וויג:
ס׳גייט מײַן עמער,
ס׳גייט מײַן שטריק.

וויג זיך, ברונעם!
נאָר אַ וויג!
שעפּ, מײַן עמער!
שלעפּ. מײַן שטריק!

גיי אויף, ברונעם,
פון דײַן טיף,
טראָפּנס רינען
טריף, טריף, טריף...

גיי אויף, ברונעם,
גיי אַרויס!
טויזנט זונען
אין דײַן שויס.

און פון עמער
און פון שטריק
וועל איך נעמען
טיף אַ שטיק.

און פון עמער
און פון שטריק
וועל איך נעמען
וויי מיט גליק.

קאָרנבלי

קאָרנבלי — איר אוירינגלער,
ניט קיין רינגלער — צאַרטע הענגלער,
ניט אויף אויער אויפגעהאַנגען,
ניט אויף סטויפּעס, ניט אויף שטאַנגען.
טעג געציילטע, נעכט געשענקטע
אויף אַ הערל אויפגעהאַנגען,
אויף דעם צאַרטן לײַב פון זאַנגען,
קאָרנבלי מיט דופט געדיכטן,
אָטעמען מיט דיר — הייסט דיכטן.

*

זאַכן ליגן, זאַכן הענגען,
שוועבן זאַכענישן מענגען...

כ'שווים אַרום אַ טאָג אַ גאַנצן
אין דעם ים פון קלייניקייטן,
מײַנע בליקן זיך צעשפּרייטן,
זאַכן שפּרינגען, זאַכן טאַנצן,
שטויסן אָן זיך איינס אָן צווייטן,
כוואַליעס זאַכענישן גלאַנצן...

פול מיט צאַפּל, פול מיט רירן,
כוואַליעס טאַנצן, שעמערירן...

פון דעם ים פון קלייניקייטן,
פון דעם שוים פון קליינע גלאַנצן
ציט אַרויס מײַן נעץ מײַן ברייטע
איינעם אַ געדאַנק אַ גאַנצן.
ציט פּאַמעלעך, נאָר אַנטשיידן,
ציט און ציט אַ טאָג אַ גאַנצן.

פון דעם ים פון קלייניקייטן
איינעם אַ געדאַנק אַ גאַנצן,
וואָס פּאַרהיט אין די געהירן
אַלדאָס שוועבן, אַלדאָס רירן,
אַלדאָס שפּרינגען, אַלדאָס טאַנצן,
אַלדאָס זײַן און אַלדאָס גלאַנצן...

מײַן הונט

פון װעג — פֿאַרשװאַרצט, פון זוכן — דול,
אין מיטן שליאַך איז ער געלאָפן.
אין יִאוש אײַנגעשפּאַנט, װי אין אַ שװערן עול,
װען אים אַנטקעגן האָט מײַן האַרץ מײַן ייִנגלש זיך געטראָפן
און ס'האָט אַ „ניאַ“ אַ װאָרף געטאָן מײַן קינדערש קול.

אַ ראַבער איז ער, אויף געלן — װײַסע פֿליאַמען,
אַ פּאָר געטרײַע אויגן, פול מיט טיפער שײַן,
און אַז ער האָט די אויגן אויפגעהויבן אויף מײַן מאַמען,
האָט זי אַ מאַך געטאָן: „נו, זאָל ער זײַן!“
— — — — — — — — — — — — —

פון זײַן פֿאַרגאַנגענהײט האָב איך געװוּסט צװײ זאַכן:
ער האָט געהאַט אַ באַלעבאָס, געשפּירט זײַן יעדן ריר.
אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן, װער װײסט װען...
נאָר איצט מײַן ייִנגלש האַרץ איז זײַנס געװען.

און ער האָט זיך גענומען װאַכן
אויף מײַנע טריט דורך שפּאַלט פון אונדזער טיר...
און איך האָב ניט געפונען אים, דעם אַלטן נאָמען זײַנעם,
פון צװישן נעמען, װאָס טראָגן בײַ אונדז הינט,
און אונטער גאָר אַ נײַעם נאָמען, גאָר אין גאַנצן מײַנעם,
האָט ער מײַן ייִנגלשן אַרום שוין טרײַ געדינט.
און איך בין יונג — די גאַנצע װעלט איז מײַנע —
און האָב אַ הונט אַ גוטן אויך דערצו,
און יעדער יאָר אַלץ שטאַרקער, פֿלינקער װערן מײַנע פֿיס
און שװאַכער װערן זײַנע,

ער דרייט זיך אָפּט אַרויס פון איבעריקע געננג
און זוכט זיך שוין אַ ביסל רו...
ס'איז פרילינג שוין געווען, און וואַרעמע פאַרטאָגן
די שוואַרצע פעלדער האָבן מילד באַטויט...
צום גראָבן לעבן שטעלכל האָט ער שטום פאַרטראָגן
די לעצטע אַנגסטן פון זײַן שטילן טויט.

ס'איז ווידער פרילינג,
די רינשטאָקן שוין זײַנען דורכגעשליפן
מיט ערשטע וואַסערן...
פון טאָפּאָל לעבן גרויער וואַנט
געדיכטע טראָפּנס טריפן, טריפן.
ווער בלאָנדזשעט דאָרט אויף פעלדער פרײַע,
ווער האָט מיך דאָרט דערמאַנט,
וואָס שײַן פון אויגן הינטישע געטרײַע
האָט פלוצעם אויפגעפלאַמט
אין מײַן אַ ליד.

אין אונדזערע טעג

טוי

די זון איז אין טראָפּן וואַסער.
(פֿאָלקס־אויסדרוק)

אָט איז זי, די ליכטיקע רגע,
די רגע פֿון דיכטונג, פֿון דענקען,
ווען ביידע זיי דאַרפֿן ניט פֿרעגן,
ווען ביידע נאָר ענטפֿערס זיך שענקען.

זיי ביידע — דאָס האַרץ און דער זינען —
אין איינקלאַנג זיי זײַנען, צוזאַמען,
ווי אָט אָ־דער טוי — די רובינען
ווו זוניקע ברעקעלעך פֿלאַמען.

ווי אָט אָ־דער טוי — די רובינען
ווו זוניקע ברעקעלעך פֿלאַמען,
ווען טראָפּנס זיך קאָנען פֿאַרגינען:
און וואַסער און פֿײַער — צוזאַמען.

ווען טראָפּנס זיך קאָנען פֿאַרגינען
און קײַלעכיק זײַנען, ווי ימען,
ווען ביידע — דאָס האַרץ און דער זינען —
אין איינקלאַנג זיי זײַנען, צוזאַמען.

פאַרבן

וויפל פאַרבן האַלט באַהאַלטן
אַט דער גרויער פרישער דרויסן
אין די קאַרבן, אין די פאַלדן,
אין די צעלן, אין די שויסן.

זעט איר ניט דעם הויך דעם ראָזן,
וואָס אויף קנאָספּן ליגט צעשאָטן,
גרינע, שפּיזלדיקע גראָזן,
וואָס צעשפּאַלטן שוין דעם באָדן ?

וויפל זעלטענע קאָלירן,
וויפל שפּיל איז שוין פאַרבאָרגן
אויף די אָוונטיקע טירן,
אויף דעם טויער פון פרימאָרגן.

און אין גרונט פון פאַרבן אַלע
אויף באַפרייַטע ווייַטע רוימען
לייגט זיך ברייט דער קלאָרער בוימל
אויף דעם גאָלד פון ערשטע שטראַלן.

און דאָס אַלץ איז נאָך פאַרבאָרגן
אין די גרויע פיאָלעטן,
וואָס דאָס אויג ניט קאָנען זעטן,
נאָר דאָס האַרץ שוין צווינגען נאָגן.

*

אוי, אַ פּיקסעלע אַ ווײַס,
אוי, אַ הינטעלע אויף שנייען,
איך דערמאָן איבער־אַ־נײַס
דאָס געזאַנג פון אַלטע ווייען.
כ׳בין דער וואַנדערער געווען,
געווען אָט דער, וואָס ווערט געיאָגט,
ווען באַפרײַ איך זיך שוין, ווען,
ווען באַפרײַ איך זיך פון פּלאָג!
דאָרטן, דאָרטן ערגעץ ווײַט,
דאָרטן אין פאַרגאַנגענהייט,
איבער ווײַטן שוידער לויערט
דאָס געזאַנג פון אַלטן טרויער.

*

מייַנע פרײַנד אין גלויבן
און אין פילן

רויש פון טאָג ווערט שטילער,
שטיל דאָרט קלינגען שטערן.
כ׳האָב אין וועלט נאָך קיינעם,
כ׳האָב אַ ווונטש נאָר איינעם,
איר זאָלט דאָרט דערפילן
און, ווי איך, זאָלט הערן:
רויש פון טאָג ווערט שטילער,
שטיל שוין קלינגען שטערן,
און מייַן בליק פאַרהילן
פרישע זיסע טרערן.

*

אײַך, מײַנע אוראײניקלער ווײַטע,
באַזיצער מעכטיקע פון וועלטן שוין באַנײַטע,
מײַן צאַרטער רוף פון שוועל פון שוועבנדיקן אָוונט!..
ס׳איז איצט מיר אײַער פראַכט, ס׳איז אײַער שײַן מיר נאָענט,
אַ גרוס אײַך, ברידער־מענטשן! מײַן פרייד איז מיר אַ צייכן,
אַז מײַן גרוס וועט אײַער צײַט דערגרייכן!..

איך וויל דערציילן אײַך אַ מעשׂהלע אַ פּיצלינג,
וואָס האָט אין האַרץ בײַ מיר אַ דונער־ווידערקול אַרויסגערופן פלוצלינג,
וואָס האָט מיט בליץ פון פרייד פון אַלע מענטשן־לאַסטן מיך געלײַטערט,
און אויף די אויגנבליקן אין אײַער צײַט מיך ווײַט פאַרשלײַדערט.
היי, הערט נאָר, הערט — אין וועלכן אָרט מײַן פרייד כ׳האָב אויפגעהויבן,
אין שײַן פון וועלכן טאָג האָב איך די פּערל גליק געקלויבן.*
בײַם דניעפּ, אין קיִעוו איז מײַן געשיכטעלע געשען
אין יאָר... נאָר ווי זאָל איך דאָס יאָר באַצייכענען?
ווי זאָל איך ווײַזן אײַך דעם ווײַטן וועג,
פון וואָסער אָנהייב זאָל איך די מינוטן רעכענען,
פון וועלט־באַשאַפן האָט מײַן פאָטער שטיל די צײַט געציילט —
דרײַ הונדערט דרײַ און צוואַנציק יאָר צום זעקסטן טויזנט האָט אים נאָך געפעלט.

אָט איז עס, דאָס געשיכטעלע דאָס קליינס:
דערציילן עס איז אַ פּאָר שורות אויך ניט ווייניק,
אַ גאַנץ געוויינלעך פייגעלע האָט זיך אין שטויב פון גאַס געבאָדן,
און ס׳האָט די זון שוין בײַם פאַרגיין אַיעדער שטויבעלע מיט גאָלד באַלאָדן...
און אָט דאָס ברעקעלע געשעעניש האָט מיך אַזוי דערשיטערט,

* געקלויבן — געקליבן.

מײַן וועזן האָט ביז טיפסטע גרונטן אויפגעציטערט,
און אָט, איך ווייס אַליין ניט, ניט פֿאַר וואָס און ניט פֿאַר ווען,
האָב איך אין אָט דעם אויגנבליק דערפֿילט, דערזען
מיט ביידע אויגן און מיט יעדן פֿאָדעם פֿון מײַן האַרצן
דעם פֿאָס פֿון פּײַן, דעם פֿאָס פֿון וויי פֿון שוואַרצן
און באַלד נאָך אים, פֿון אים אַרויסגעשטראַלט, אַרויסגעלויכטן, —
דעם פֿאָס פֿון שײַן, פֿון פֿײַער אומגעהײַערן —
אַ פֿאָס פֿון פֿריידן, וואָס שטײַגט אויף פֿון טרויערן,
וואָס פֿלאַמט מיט צונטער און אין בלויען ברענט און העלט,
אַ זײַל פֿון שײַן, ווי פֿײַערדיקע טויערן
אין דער באַנײַטער, אויפֿגעריכטער מענטשן־וועלט.

האַרץ מײַנס

האַרץ מײַנס, צאַפּלסט —
ס'איז קיין שולד!
וואַרט אַ קאַפּל,
האָב געדולד!

פּילבאַר איז דײַן
יעדע צעל,
נאָר זי מוז זײַן
קלאָר און העל.

ליגסט אין ברוסט דאָך,
האָסט אַ שייד,
פּילן מוזסטו
שטילערהייט.

ווען דיך וועקן
ווייס נאָר איך,
דיך אַנטפּלעקן
פלינק און גיך.

דיך אַנטבלויזן
אין געפּעכט,
דו זאָלסט ברויזן
מיט גערעכט.

דו זאָלסט בליצן,
ווי אַ שווערד,
זאָלסט פאַרקריצן
מענטשן־רעכט.

1939

*

איך ווייס פון שווידערלעכן גליק !..
איך האָב אַ נאַכט — אַ וועלט געבענקט,
ביז ס׳האָט די זון אַ בליק געשענקט,
אַ העלן בליק...
איר שטראַלנדע, גינגאָלדענע רויט
האָט זי מיט חסד אויסגעשטרעקט
און מיט אַ ריר אין מיר דערוועקט
מייַן גרויסן מוט...

ס׳וועט זײַן אַ טאָג

אַשר שוואַרצמאַנען

נו, זאָג זשע מיר, מײַן פרײַנד, נו, זאָג.
אין וואָס באַשטייט מײַן גאַנצע מי און מײַן באַרוף,
אין וואָס איז זי, מײַן גאַנצע ווערט,
אין ליכטיקער, אין גרינער לופט,
אויף שוואַרצער, שווערער ערד,
אויב ניט אין דעם, אויב ניט דערין,
וואָס כ׳קאָן אַזוי אין מיטן טאָג,
וואָס כ׳קאָן אַזוי פון העלער הויט
אַ טרײַב טאָן אים, דעם שטויב פון זין,
אַ וויש טאָן זי, די פײַכטע קויט,
און אָט אַזוי אים מאַכן גרינג,
דעם שווערן לעבנס־רינג,
און אָט אַזוי זי מאַכן קלאָר,
די טונקלע שויב,
די שויב פון וואָר.
און אָט אַזוי אָט דאָ דערבײַ
זי טאָן אַ פראַל,
די טיר פון זײַן,
און פראַנק־און־פרײַ
דאָ טאָן אַ זאָג:
ס׳וועט זײַן אַ טאָג,
אַ טאָג וועט זײַן!
ס׳וועט זײַן אַ טאָג...
ס׳איז אונדז באַשערט...
זײַן אָנהייב איז אין אונדז!

אין אונדז אַליין
זײַן ווײַטער וועג,
זײַן ברייטער פליין —
ער גייט פון אונדז.

זײַן גרויסע ווערט —
פון אונדזער קליינס,
פון אונדזער מינץ...

ס'וועט זײַן אַ טאָג,
און אונדזער ערד, ווי דימענט שוין געשליפן,
פון מענטשן־מי, פון מענטשנס טיף־באַזינטער אַרבעט,
וועט טראָגן זיך אַנטקעגן וועלטן־מענגעון.
און פרייד וועט אונדזער ערד
אין יעדער קאַנט, אין יעדער קאַרב
פאַר ליכט, פאַר שײַן
דער זון אַנטקעגן ברענגען.

פון יעדער טראָפּן לייד,
פון לאַסט פון איצט
אַ שטראַל דאָרט גייט,
אַ גלאַנץ דאָרט בליצט:
פון אונדזער האַס,
פון אונדזער קלאָג —
אַ שטרײַף פון פרייד.

ס'וועט זײַן אַ טאָג,
אַ טאָג וועט זײַן!

זוימען

מה נאה אילן זה

(אָבות, ג. ז)

עס גלייבט זיך קוים:
אין גאַנג, אין וועג האָט מען פאַרבאָטן
צו זאָגן מיט באַוווּנדערונג:
„ווי שיין איז אָט דער בוים!"
כ'האָב פיל אַזעלכע פאַרבאָטן
מיט יונגן פוס מײַנעם צעטראָטן,
און ביימער פיל איך שטענדיק,
ווי גוטע פרײַנד אויף יעדן טראָט
(ווי כ'וואָלט פון דעם פאַרבאָט
גאָר קיין מאָל ניט געהערט):
אין פאַרקן אָפּגעהיטע,
אין רייען שיטערע,
בײַם ראַנד פון וועג,
אין ווילדן וואַלד —
אויף יעדער ברייט פון אונדזער ערד...

וואַלד!
כ'האָב ליב דאָס וווּנדערלעכע,
איינצײַטיק דאָס געוויינלעכע בײַ אונדז,
וואָס טראָגט דעם פּשוטן און גוטן נאָמען
וואַלד.

איך האָב אים ליב, ער איז מיר ליב
אין פראָסט, אין היץ, אין רעגן,
אין שײַן פון טאָג, אין פינצטערניש פון נאַכט.

ער איז די היים פון קינדער־יאָרן מײַנע,
ער איז דער גורל פון יאָרן בירגערקריג.
דער שׂונא איז פון יישוב שוין אַוועק
און האָט צײַטווײַליקע רו אין וואַלד געפונען
פון דאָרט געוואָרפן שרעק אויף דאָרף, אויף וועגן,
פון דאָרט פאַרניכטונג און צעשטערונג אָנגעשיקט...
פון יענע יאָרן בין איך שוין פון וואַלד דערווײַטערט,
איצט בין איך ווידער אין זײַן שויס,
אין מיט פון וואַלד שטייט אונדזער אָפּרו־הויז,
אוןביימערווינקען מיר און רופן מיך גאַנץ פרי
אַ טוק טאָן זיך אין וואַלדיקן, אין שטילן הי.

וואַלד !
איך קען עס, דאָס רוישנדיקע פאָלק,
איך קען ביַים נאָמען זיי,
די פולע גלידער זײַנע,
די אָרטיקע, די היגע,
די אײַנגעבירגערטע
שוין אונדזעריקע געסט
פון ווײַט געבראַכטע,
און יעדער בוים
האָב איך שוין אָפּגעגעבן אַכטונג.

ביימער, געוויקסן,
עדות פון מײַן וווּקס,
ווי לופטיק איז דער וואַלד,
און יעדער אָטעם מײַנער
לײַטערט דורך מײַן וועזן
פון אַלדעם שטויב.

כ׳האָב ליב דעם ריינעם שטאָם,
כ׳האָב ליב באַזינטע מישונגען פון שטאַמען,
כ׳האָב ליב די צווייַגן און די בלעטער,
כ׳בין שטענדיק גרייט באַטראַכטן
אי זייער רייַכקייט, אי פאַרשיידנאַרטיקייט,
און קיין מאָל ווערט מיַין נייַגער ניט געזעטיקט.

אָט זעט, אָט זעט, אָט הערט, אָט הערט,
וואָס פאַר אַן ענדערונג דאָ ווערט
אויף אונדזער זומערדיקער ערד!

פון ערשטן פרילינגדיקן רויך,
וואָס שטייַגט צו דער פאַרבלויטער הייך,
ווערט הייַנט אַ לעבעדיקער כּוח!

ס׳איז יעדער רגע אַ געווינס,
פון קנאָספּן און פון בלעטער גרינס
די צוקונפט נעמט הייַנט רייַכן צינז.

פון שטויב, פון וואַסער און פון לופט,
פון ווילדן וווקס, פון מענטשן־צוכט
ווערט אומעטום שוין זוים און פרוכט.

*

איך מיין, מיר ווייַזט זיך אויס, מיר דוכט,
ניט אַלעמען איז קלאָר, וואָס איז דאָס פרוכט,
און פיל פאַרשטייען קוים,
וואָס איז דאָס זוים.
איר זעט אַן עפּל פול מיט זאַפט,

איר קוקט אויף זײַנע פּולע באַקן,
איר זײַט פֿאַרגאַפֿט,
איר שנײַדט אים אויף,
איר שנײַדט גלײַכגילטיק אויס
פֿון שויס זײַן האַרץ
און וואַרפֿט אַרויס
די רײַפֿע יאָדערלעך,
דאָס ביסל האַרטס.

1939

פעלדער

און ווידער, און ווידער, און ווידער
צו אײַך איז געווענדט אין גאַנצן מײַן וועזן,
ווי דענסטמאָל, ווען ס'האָט זיך מײַן דיכטונג באַוויזן,
פון קינדערשע ליפּן געטריפט האָבן לידער.

כ'האָב ווידער דערזען אײַך, אײַך, פעלדער פאַרשנייטע,
דערזען די דערוואַכונג פון ווינטער, פון דרימל,
דערזען, ווי איר פאָלגט זיי, די ווונקען פון הימל,
און וואַרט אויף די זוימען פון מענטשן פאַרגרייטע.

אין איינעם מיט פויגל-געזאַנג כ'האָב פאַרנומען
דאָס וויאָקען פון מענטשן בײַם אײַזערנעם אַקער,
און ווען כ'האָב דערהערט, זי, די שפּיל פון מײַן גומען,
אין מוח געקלונגען האָט איינע אַ פראַגע:

צי שוין זשע איז ריכטיק די אַלטע לעגענדע,
אַז גאָט האָט פאַרשאָלטן זײַן ערשטלינג דעם מענטשן,
די אָדמלעך — אַלע פאַרהאָרעוועטע, עלנטע —
זיי האָבן פאַרדינט שוין, מע זאָל זיי דאָ בענטשן.

און איך האָב פאַרשטאַנען אין קינדערשע יאָרן:
איין אָרט אין דער אַלטער לעגענדע איז ריכטיק —
פון מי איז דאָס מענטשלעכע לעבן געוואָרן
אַ ביסעלע מענטשלעך, אַ ביסעלע ליכטיק.

פון מי שטאַמט דער קלאָרער פאַרשטאַנד אין דעם שאַרבן,
פון מי שטאַמט די מענטשלעכע ליבע אין האַרצן,
פאַרשאָלטן איז דער, ווער עס וויל זיי פאַרדאַרבן,
מיט האַס און מיט שׂינאה דאָס לעבן פאַרשוואַרצן.

איז לאָמיר די אַרבעט באַזינגען און ווידער און אָבער,
די מי פון דעם מענטשן מיט בלומען באַקרוינען...
דאָס שענסטע, וואָס דאָ אויף דער ערד איז דעראָבערט,
איז פריידיקע מי — אָט דער לוין פון די לוינען...

ב

מײַן קינדערשע היים דאָרט אין קאָרענעם רעמל!
איך האָב דעם גן־עדן געפונען אין וועלדל,
אין יונגען, אין פרישן געוויקסן־געזעמל,
וואָס האָט דאָרט באַשאָטנט מײַן זומערדיק וועלטל.

געקומען איז האַרבסט, און געקומען איז ווינטער,
מײַן וועלטל האָט, נעבער, אַ נאַקעטס געפרוירן,
נאָר גרינינקע סאָסנעלער האָבן געלינדערט
דעם אומעט, געטרייסט אונדז: ניט אַלץ איז פאַרלוירן!

און אָט איז דאָס ליכטיקע וועלטל געקומען —
דער פרילינג דער צווייטער, ווען פּנים אל פּנים
בין איך דאָרט געשטאַנען מיט קנאָספּן און בלומען,
מיט ציטער איך מוז אָט דעם פרילינג דערמאָנען.

אין איינעם אַ ליכטיקן קלאָרן פרימאָרגן
באַשטימט האָט דער טאַטע דאָס ווערלדל פאַרניכטן,
איך האָב זי באַוויינט, אָט די „ווילדע רציחה״,
און קינדערשע טרערן מיך האָבן געוואָרגן.

נאָר וואָס קאָן מען טאָן דאָ, אַז באָדן איז ווייניק
(מיר האָבן דאָס פעלד ניט געזעצלעך געדונגען)
און ווילסטו פּאַרזייען — נעם קאָרטשעווע, רייניק —
וועט זיכער דיר עפּעס באַקומען געלונגען.

ווײַל פּראָסע בײַ אונדז וואַקסט אויף רויערד, אויף נײַערד,
האַקט מען די ביימלער, מע קאָרטשעוועט קרעפּטיק,
גלאַנצן די העק, דורך דער אַרבעט געשײַערט,
אַ פעלד מע באַשאַפט, און מ׳איז אַלע באַשעפטיקט.

אַ באָדן פּאַר פּראָסע, פּאַר קאָרן, פּאַר גערשטן,
אַ פעלד ווי אַ פעלד אויף אומענדלעכע ברייטן,
אַ, גוט פאַרגעדענקט כ׳האָב די בייטן די ערשטע
אויף נײַערד, אויף רויערד מיט פּראָסע פּאַרזייטע.

מיר האָבן צעאַקערט, געבראָנעוועט פלײַסיק,
און צוויי מאָל און דרײַ מאָל אין לענגען, אין ברייטן,
מיר האָבן געזייגט — ס׳איז געראָטן זעלבסט-דרײַסיק,
מיר האָבן די פּראָסע געשניטן אין פריידן.

די בייטן קאַרטאָפּל, די פּאַסיקלער קאָרן!
איך וועל זיי געדענקען אויף וויפל כ׳וועל לעבן,
נאָר מערער פון אַלץ פון די קינדערשע יאָרן
דאָס פּאַסיקל פּראָסע אין האַרצן געבליבן.

אויף פּלייצעס פון יוגנט דער שוויס, ווי אַ ראָסע!
די פריידן די טיפע פון שניטער געטריַיע,
די הירזשענע קאַשע פון אייגענער פּראָסע!
דער אָנזאָג פון לעבן אויף באָדנס אויף ניַיע!

*

דער ערשטער בויגן פון רעגן
אויפן הימל שטייט פֿאַרקלערט,
עס האָט זיך אים איינגעגעבן
באַהעפטן הימל מיט ערד.

נאָר אויך אַ רעגן־בויגן
איז צו פיל קלערן פֿאַרווערט,
איין ראַנד איז זיך צעפלויגן
און אָפּגעלאָזט די ערד.

און ס׳האָט דעם צייכן פון פרידן
מיַין אויג אויף גיך פֿאַרשוועכט:
ער איז פון הימל געשטיגן —
אַ קרומע שאַרפע שווערד.

ערשטער שניי

אין דער פרי געווען אַ ווינט,
האָט געראַמט און האָט געקערט —
איז געוואָרן האַרט די ערד...

ס׳האָט געדרייט אַ גאַנצן טאָג,
ס׳האָבן וואָלקנס זיך צעשפּרייט
און די זון אַהיים באַגלייט...

איז צו נאַכט געוואָרן שטיל.
ס׳האָט די וועלט דערהערט אַ נײַס,
גאָר אַ שטילס און גאָר אַ ווײַס.

ס׳גייט זיך שטיל דער ערשטער שניי,
זוכט אַ וועג און שיט און שיט
דאָ און דאָרט און אין דער מיט.

שלאָף זשע, שלאָף זשע, שלאָף, מײַן קינד!
ס׳איז אויף מאָרגן שוין באַשטעלט
גאָר אַ נײַע קלאָרע וועלט!..

פֿאַר טאָג

ווען אַלע שלאָפֿן, גוט איז וואַך צו זײַן,
דאָרט נאָענט וואַכן אַרבעטער און ברידער,
דאָרט נאָענט דרייען זיך דאָך פֿלינקע רעדער.
מיט מיר צוזאַמען וואַכט עלעקטרע־שײַן.

ווען אַלע שלאָפֿן, גוט איז וואַך צו זײַן,
דאָרט העכער וואַכן שטענדיק שטערן־וועלטן,
ס׳איז גוט צו זייער הייך אַ מאָל זיך ווענדן,
צו זייער ווײַטער הימלדיקער שײַן.

דערוואַכן אַלע — גוט איז וואַך צו זײַן,
דער ערשטער — פֿרײַע שטילע טריט דערהערן,
דערזען, ווי ס׳בייגן זיך די הויכע שטערן
און זיך פֿאַרלעשן פֿאַר דער זונען־שײַן.

אָנהייב פרילינג

א

כ׳לייג זיך שלאָפן מיט די הינער
און שטיי אויף, ווען ס׳קרייען העגער,
יעדער טאָג ווערט מילדער, גרינער,
יעדער רגע ווערט דאָ שענער.

ווען מע דאַרף נאָך דאָ ניט עסן,
ווען מע דאַרף נאָך דאָ ניט טרינקען,
כ׳וועל אין גאַנצן דאָ פאַרגעסן,
ווי די פּען אין טינטער טונקען.

און צו וואָס איז דאָס פאַרשרײַבן
די געפילן, די געדאַנקען ?
ניט פאַרשריבן דאָ פאַרבלײַבן
וויפל צערטלעכע געזאַנגען ?..

אויף די שפּיצן, אויף די צווײַגן,
צווישן בלעטער, צווישן גראָזן
וויפל פאַרבן קומען, שטײַגן,
ערד און הימל שטיל פאַרלאָזן ?..

שוין זשע, שוין זשע בין איך איינער,
איך, דער מענטש מיט שוואַכע פינגער,
וואָס די גאָרע וועלט די שיינע
דאַרף באַמאָלן און באַזינגען ?

ב

אַ פולע, אַ ראָזע לבנה
און ביימער געוויינלעכע צוויי,
אַזוי פּונקט זי מאָלן מיר קאָנען...
אויף פּלאַכן מיר מאָלן אַזוי.

און איך פֿיל די קאָסמישע שטרעקע,
וואָס צווישן די ביימער און איר,
און ס'ווילט זיך מיט עפּעס פאַרדעקן
דעם תּהום צווישן „כ'זע" און „איך שפּיר".

און כ'האָב אין דער רגע פאַרשטאַנען:
דער אומרו, וואָס רעגט מײַן געמיט,
פון אים איז די דיכטונג אַנטשטאַנען,
ס'איז ער שאַפט פון פערזן אַ ליד.

און כ'האָב אין דער רגע פאַרשטאַנען,
און כ'האָב אין דער רגע דערפילט:
פון דאַנען גייט קונסט, אָט פון דאַנען,
ס'איז ער שאַפט פון פאַרבן אַ בילד!

אירפען, 20 אַפּריל 1940

אירפּען

א

דרייַ פרייַע, פרייַע טעג האָב איך גאָר לייַכט געקריגן
אויף שעפערישן אָפּרו, אויף דער טיפער רו,
וואָס שליסט זיך פּלוצעם אייַן אין אָנגעשטרענגטער מי...
דער טייַך אירפּען, דער וואַלד, די לאָנקעס — אַלע היגע...
ס׳איז קלאָר אַרום, פיל מאָל מיר קוקעט דער קוקו,
אריכות־ימים טיילט מען מילד, ווייַזט אויס, דאָ הי...

אַ גרינע רחבות שפּרייט זיך ווידער פאַר די אויגן,
אַ שלל מיט בלומען אויף דער לאָנקע — געלבע, געלבע...
איז וואָס, איז וואָס, אַז נאָך אַ יאָר איז דורכגעפלויגן,
און זי, די וועלט, און דו שוין זייַנען ניט די זעלבע ?..

כ׳האָב אַ געעלטערטן דערזען זיך אין דעם שפּיגל...
אַ יונגע ליפּע בייַ דעם פענצטער לאַנגזאַם שטאַרבט...
די צייַט צעקרישעט דעם צעמענט האָט אויף די טרעפּ,
אַ ביסל אויך צעדרויבלט דאָרט די רויטע ציגל...
נאָר ס׳לעבן בליט און טענהט צאַרט און האַרב,
און מענגעס אַלטע ביימער האַלטן פריש די קעפּ !..

אָ, נייַן, מייַן רעכענונג מיט וועלט איז ניט פאַרענדיקט !
איך פיל אין ענדערונג די גרויסע פרייד פון שטענדיק !

ב

אַ גוט־מאָרגן אַלע איַיך!
כ׳הער, איר ענטפערט: אַ גוט־יאָר!
אַט דער נעפּל אויף דעם טײַך
מאַכט דעם קאָפּ מיר פריש און קלאָר.

דער באַגינענדיקער טוי
איז ניט קיל און איז ניט פײַכט,
ער דערמונטערט מיך אַזוי,
מאַכט מײַן טראָט מיר יונג און לײַכט.

און די קוקאַווקע אין וואַלד,
דער נאַיִווער קוקו־קלאַנג
זאָגט אָן אויפהער: ביסט ניט אַלט,
וועסט נאָך לעבן זייער לאַנג!..

*

זעלטענער ווערן די ציטערס די שיינע פון האַרצן,
פריידיק, ווי ווייַן פון דעם זוניקסטן טאָל,
אָבער די צעלן פון קערפּער פון גאַנצן — זיי וואַרטן,
וואַרטן אויף זיי מיט געדולד, ווי אַמאָל.

און ווי אַמאָל קומט ער פּלוצעם, דער מעכטיקער ציטער:
דיכטער, דו שלאָף ניט, דו, דיכטער, דערוואַך,
און ביז די טיפן פון וועזן פאַרזינקט און דערשיטערט
אַלץ, וואָס דאָ שוועבט אויף געוויינלעכער פלאַך.

און מיט אַן אָפּשייַן פון ווייַטן פאַרבאָרגענעם פייַער
ווערט אַלץ באַהעלט און אַלזייַטיק באַשטראַלט...
געסט מייַנע טייַערע, רגעס פון שאַפונג פון פרייַער,
קומט צו מיר אָפט און אויף לאַנג זיך פאַרהאַלט.

פרימאָרגן

דאָ פון אונטן, דאָרטן אויבן,
נאָר־וואָס אויפגעוואַכט פון דרימל,
פול מיט אומשולד, קלאָר און זויבער
ליכטיק שוועבן ערד און הימל.

און ווי נאָר־וואָס פריש געבאָרן,
אויף די וואָלקנס לויכט דער זילבער,
וואָס מיר יאָרן, ווער מיר יאָרן:
אין מײַן קינדהייט כ׳קלײַב זיך איבער.

אין מײַן קינדהייט, כ׳זאָג עס גלייביק,
וואָס דעם אָנהייב האָט באַצייכנט
פון אַ לעבנספולן שמייכל,
פון אַ צאַרטקייט, וואָס איז אייביק.

איך גלייב

*

Счастлив, кто посетил сей мир
В его минуты роковые.
Ф. Тютчев

אָ, וועלט דו מײַנע, וועלט דו מײַן,
מײַן זײַן וועט קיינער ניט צעשטערן,
ווײַל אויך דאָס כּלומרשטע ניט־ווערן
וועט אויך באַשטעטיקן מײַן זײַן.

נאָר ד ע ר אָן־אויפהער איז פאַרוועבט
אין אייביק שאַפנדיקע קרעפטן,
ווער ס׳קאָן מיט זעלבסטאָפּפער זיך העפטן
מיט ד ע ם, וואָס, צערנדיק, באַלעבט.

*

א

יאָ, איך בין גרויס דערמיט,
וואָס איך געהער
צום פֿאָלק, וואָס ווערט ניט מיד
און בויט
און גלייבט,
כּדי אומשטערבלעך זײַן,
ניט אומבאַדינגט איז זײַן שוין טויט!
איין דור אין אָפּגרונט זינקט,
איין אויסבראָך נאָך דעם צווייטן גייט,
און ווידער ווערט
צעזייט,
צעשפּרייט,
צעשטויבט,
וואָס שוין אין איינעם איז געווען —
און דאָך מײַן פֿאָלק נאָך גלייבט,
אַז אויב באַשערט
איז בײַזײַן אומעטום,
צי הייסט עס דען
אין ערגעץ ניט?

עס קאָן צום אומעטום אַן ערגעץ זײַן
און גראָד אין סאַמע מיט פֿון וועלט!
עס קאָן צום אומעטום אַן ערגעץ זײַן
דער זעלבער ערגעץ, דער
וואָס אים געדענקט די גאַנצע וועלט, —
נאָר פֿון דער וועלט נאָך מער,

אין פּאַלאַץ, אין געצעלט,
מײַן פאָלק געדענקט אויף יעדן קער.
אַזוי פיל ערגעצן האָב איך געזען ביז הער
און יענעם ערגעץ אויך,
אָט דעם
וואָס גלאַנצט אין יעדער טרער.
און איך בין גרויס דערמיט
וואָס צו דעם פאָלק כ׳געהער.

ב

יאָ, איך בין גרויס
נאָך מער, נאָך מער דערמיט,
וואָס איך געהער
צו די,
וואָס זיי איז אויסגעפאַלן דער באַשער
זיך האַרטעווען און שטאָלן זיך
אין קאַמף, אין שטאָלצער מי,
איך בין אַ ייִד
פון נײַעם שניט.

אַזוי פיל ערגעצן האָב איך געזען ביז הער,
נאָר כ׳האָב אין זיך שוין מוט,
נאָר כ׳בין באַוואָפנט מיט געווער,
וואָס גיט מיר כּוח
דורך רויך,
דורך בלוט
די ווײַט פון צײַט דערזען
אין קלאָרער, העלער שײַן,
אין שײַן, וואָס איצט

נאָר פונקענוווײַז ערשט גליט.
און איך בין גרויס דערמיט,
וואָס איך געהער
צו די,
וואָס לעבן מיט דעם פלאַמיקן באַגער
פון אַלע ערגעצן,
וואָס כ׳האָב געזען ביז הער,
אין העלער שײַן דערזען
דעם גרויסן הי,
מײַן גרויסע היים.

זומער 1940

א

עס גייען זומערדיקע העלע, העלע טעג,
עס ליגט אַרום, אַרום אַ גרינע, יונגע וועלט,
און דאָך יאָגט אָפּט זיך אָן אַ ווינט
מיט פּײַן אוממענטשלעכער, מיט שווידערלעכער קעלט.

עס קערן וועלטן זיך אין סאַמע מיט פון וועלט,
און יאָרן מי פאַרשווינדן אין איין אויגנבליק,
אין תּהום פון האַס אַ מענטשן־קאָפּ דאָרט זינקט און שעלט
די רגע, ווען ס'איז אויפגעקומען שטרײַט און קריג.

נאָר לעבן לייקנט אין פאַרניכטונג און אין טויט —
ווער זאָגט עס, אַז פאַראַן איז ערגעץ טויט און שרעק!
עס גייען זומערדיקע העלע, העלע טעג,
די באַקן פונעם לעבן זײַנען שטענדיק, שטענדיק רויט.

ב

די באַקן פונעם לעבן זײַנען שטענדיק רויט,
געשמאַק זיי קײַעןביידע דאָס טאָגטעגלעכע ברויט,
און קינדער וואַקסן שנעל אין הייסער שטורעם־צײַט:
אין אײַלעניש קומט פאָר דער פעסטער דורות־בײַט.

און ווייל איז דעם, וואָס אַלץ אָט דאָ ביז גרונט פאַרשטייט,
וואָס זעט זי קלאָר, די וועלט, וואָס קיין מאָל, קיין מאָל שטייט,
און יעדער רגע איז צו ענדערונגען גרייט.

ג
פויסטן פולוער רײַסן פעסטע מויערן,
טראָפּנס פרייד פאַרזיסן טיפע טרויערן,
ס׳ווייען ווינטן שטרענגע, קאַלטע, האַרבסטיקע,
דאָך דערגייען שטענדיק ווערטער האַרציקע.

כ׳זע אײַך אַלע, אַלע די אומשולדיקע,
כ׳וויל אײַך זען פאַרשטאַנדיקע, געדולדיקע,
כ׳וויל אײַך זען פאַרוואָרצלטע און זיכערע,
פרייד זאָל אָנקומען מיט טריט מיט גיכערע.

ד
כ׳געדענק אים, דעם שטורמישן רעגן אין שטעטל...
דורך נעפּל פון יאָרן איז קלאָר אַלץ געבליבן.
כ׳זע: שטראָמען די באָרוועסע פּיסלעך אונדז גלעטן,
מיר האָבן אין זעמדלעך זיך שפּילצײַג געקליבן...

און פּלוצעם... וואָס זע איך! ס׳איז זילבער! אַ געלטל!
און כ׳הייב עס געשווינד, און איך שרײַ, ווי איך קאָן נאָר:
„אָט האָב איך געפונען!..״ פון קינדערשן וועלטל
ביז איצט נאָך ער קלאָגט זיך, מײַן קינדערשער „האָנאָר״.

פון ערשטן געפינס, פון דער גאָב פון די שטראָמען
איז מיר נאָר באַשערט געווען לייד צו געניסן.
אַ יינגל אַ גרעסערס (כ׳פאַרשווײַג איצט זײַן נאָמען)
מיט גוואַלד האָט בײַ מיר אים אַרויסגעריסן.

אין איינעם מיט קעלישקעלעך פון דעם רעגן
האָב איך פאַרגעדענקט אויך די אייגענע טרערן,

כאָטש אָפט כ׳האָב געעצהט: ניט מאָנען, נאָר פרעגן,
נאָר דאָך כ׳האָב פאַרשטאַנען די ווערט פון זיך ווערן.

און איינס האָב איך דענסטמאָל ביז גרונט שוין פאַרשטאַנען:
דאָס שוואַכסטע געווער זײַנען קינדערשע טרערן.
פון יענעם־אָ טאָג, אָט פון דענסטמאָל, פון דאַנען
ער שטאַמט, מײַן פאַרשטאַנד, פון די שאַרפסטע געווערן.

פון יענעם־אָ טאָג און פון יענעם־אָ רעגן
כ׳שפּיר נאָך אומעטום נאָך געצײַג און נאָך וואָפן,
נאָך שטעכלקעס דינע, נאָך צײַג און נאָך נעגל,
נאָך פויסטן, נאָך בײַטשן, וואָס שלאָגן און שטראָפן.

איך ווייס ווי עס ווערן זיך צאַרטע געוויקסן,
ווי ס׳ווערן זיך מילבן, כ׳קען שווערדן פון ריזן,
כ׳קען אוראַלטע שפּיזן און מעכטיקע ביקסן,
וואָס הייסן קאַנאָנען און וועלטן באַשיסן.

און פונקט ווי מיך ציִען די וועלטן פון דיכטונג,
מיך ציט זי אָן אויפהער, די וועלט פון מאַשינען,
וואָס האָבן איין אָנווענדונג: טויט און פאַרניכטונג,
וואָס האָבן איין אויפגאַבע: שאַפן... רויִנען.

פון יענעם־אָ טאָג און פון יענעם־אָ רעגן
האָב איך זיך געלערנט — זיך ווערן, זיך ווערן...
און מאָנען אָט דאָרט, וווּ מע דאַרף גאָר ניט פרעגן,
און ריכטיק באַנוצן די בעסטע געווערן.

אָט דאָ וועט ניט שאַטן צוויי כּללים דערמאָנען,
ווי ריכטיק באַנוצן די בעסטע געווערן:

ניט שמײַסן מיט בײַטשן דעם ים... פֿון קאַנאָנען
ניט שיסן אויף שפּערן...

ה

האָב איך אַ טאָכטער — קויף איך איר קרעלן,
זאָל זי זיך פֿרייען, זאָל זי קוועלן.
איין מאָל זאָגט זי, זאָגט אַזוי גוט:
— כ׳וויל ניט שטאַרבן — אַבסאָלוט!
— הייסט עס, מײַן טאָכטער, האַלטסטו פֿון „וועלן״,
נאַ דיר און שפּיל זיך מיט שיינע קאַרעלן.
אַלץ הייסט קאַרעלן — קאַרעלעכלעך!
אויף איין גראַם זיי גייען אַ סך.
דו, מײַן טאָכטער, ווילסט דאָך ניט שטאַרבן,
סיליע קאַרעלן! אַלע פֿאַרבן!
סאַראַ פֿרייד פֿאַר יונגע אויגן —
אַלע פֿאַרבן פֿון רעגן־בויגן.
קליינינקע ברויזעלעך האַלטן אין גלאָז
בלוי און גרין, און רויט, און ראָז.
כ׳האָב מײַן טאָכטער, דו וועסט שוין
פֿאַר מײַן וואַרטן קריגן לוין,
וועסט באַפרײַט זײַן פֿון דעם יאָר,
וואָס אין חלום זע איך נאָר,
וואָס פֿאַרפֿאָלגט מיך נאָך אין שלאָף,
ווי אַ לעבנסלאַנגע שטראָף.
וואַקסטו און שפּילסטו, שפּילסטו און לערנסט,
דו פֿאַרשטייסט שוין: שפּיל קאָן זײַן ערנסט,
נעם זשע די זעלטענע ליכטיקע רגע —
סיליע קאַרעלן — קיינעם ניט פֿרעגן.
קיינעם ניט פֿרעגן, קיינעם ניט הערן,
קיינער וועט איצט ניט דערוועגן דיר שטערן.

פרילינג

צו פיל ווילד איז ער, דער וווּנדער,
וואָס דער טאָג מיר טראָגט אַנטקעגן —
ניט ער פרייט מער, ניט ער מונטערט,
ער באַדראָט און הייבט אָן שרעקן.

גאָר באַזונדער, גאָר באַזונדער
הײַנט דעם פרילינג איך באַגעגן,
ווי דעם שוידערלעכסטן וווּנדער
גיי איך הײַנט דער זון אַנטקעגן.

ס׳גייט דער טאָג זײַן קראַפט באַווײַזן.
אָט די זון, וואָס שטײַגט אַלץ העכער,
האָט געזען אײַנע הײַזער,
האָט געזען אײַנע לעכער...

אָט די זעלבע זון די פרײַע
האָט באַלויכטן טויט, פאַרניכטונג.
האָט צו ווינונג און צו שײַער
אָנגעוויזן זיי די ריכטונג.

אָט די שטראַלן אָט די זעלבע
האָבן רויִק זיך געצויגן
צו געזיכטער צו פאַרגעלטע
און צו אויסגעברענטע אויגן!

אין איין שײַנען אַלץ געהאַלטן
און געהאַלטן אין איין בענטשן
טויטע קינדער, טויטע אַלטע
און די מערדער... אַלע? — מענטשן?!..

ס׳ווערט אין מיר מײַן בלוט פאַרזאָטן!
צו די מענטשן איך געהער ניט!
ווײַל איך לעב דאָך, ווײַל איך אָטעם...
און איך טייט ניט, איך צעשטער ניט...

ניט קיין טייטער, ניט קיין מערדער —
איך בין יענער, וואָס פאַרטיידיקט,
אָבער מײַן געווער — בלויז ווערטער...
און ס׳פאַרדריסט מיך הײַנט ביז ווייטיק...

און די האַנט — זי פאַלט אַרונטער...
און די זון איז אַ בייזוווּנדער!

תּפילות

א

האַר פון מײַן לעבן,
אַוווּ נאָר דו ביסט,
זע, אַז מײַן לעבן
זאָל גײן ניט אומזיסט.
ניט איך איצט שעץ עס,
ניט דאָס איך שוין,
ניט פאַר די לײדן
פאָדער איך לוין,
כ׳וויל איצטער אײנס נאָר:
אין שווידער פון שפּיל
זײַן זאָל אַ שאָטן
פון דעם,
וואָס הײסט ציל,
זײַן זאָל אַ שאָטן
פון דעם,
וואָס הײסט צוועק,
זײַן זאָל אַ רמז
אויף דעם,
וואָס הײסט וועג.

ב

כ׳האָב קײן מורא ניט פאַר לײדן,
כ׳ווײס זײ, כ׳קען זײ אַלערלײ,
האָסט געשענקט מיר הויכע פרײדן
אויך פון זײ, אויך פון זײ!
ווײסט, אַזוי פיל שווערע קרעפטן

האָבן ברעקלען מיך געוואָלט,
כ׳האָב אויף שמעלצן און אויף העפטן
אויסגעבראַכט דאָס בעסטע גאָלד...
וויפל שטורמען אויסגעשטאַנען!
ס׳האָט צעווייט און ס׳האָט צעשטויבט —
אויף רוינען כ׳בין געשטאַנען,
כ׳האָב געהאָפט, און כ׳האָב געגלייבט,
און אין ווירבל און אין שטורעם
אויסבאַהאַלטן און פאַרהיט
די פאַרמעסטונג פון מײַן אָרעם
און דעם שווונג פון מײַן געמיט...
מיט מײַן גאַנצקייט, האַר פון לעבן,
וואַרף אַרײַן מיך אין דעם תּהום:
אויך דער תּהום אַ וועג זאָל געבן
פאַר מײַן איינהייט, פאַר מײַן שטראָם!

ג

אַלץ, וואָס איך האָב אין געשאַנק,
גאָר מײַן געפיל און גערדאַנק —
זײַן זאָל עס לעבנסלאַנג!

ווייסט, אַז איך וואַרט שוין אָן שרעק
אויף דעם ענדגילטיקן וועג,
ווען דו וועסט זאָגן: אַן עק.

האַר פון דעם לעבן! דו
ווייסט, אַז איך בעט ניט קיין רו,
כ׳בעט נאָר — מיט אַ מאָל נעם צו...

אַלץ — אין איין אויגנבליק
וויל איך דיר שענקען צוריק,
שענקען מיט לויטערן גליק:

ריינקייט פון צאַרטסטער טרער,
שיינקייט פון טיפסטן קלער,
ס׳בעסטע, וואָס מיר געהער.

ד

האַר פון מײַן לעבן! ווייסט,
ווי איך האָב אויף רוינען
זוכן געקאָנט און געפינען
ליכטיקייט און טרייסט.

פרײַנדשאַפט און ליבע פאַר טרייסט,
אַלץ האָב איך אָפּגעגעבן...
מעכטיקער האַר פון מײַן לעבן,
ווער נאָך, ווי דו, דאָס ווייסט?

ס׳האָט מיר מײַן פאַלק פאַרטרויט
דרייסטע און הויכע פאַרלאַנגען,
וויל איך אָט די געשאַנקען
אויסבאַהאַלטן פון טויט.

ה

ווען דער טויט וועט זיך ניט קערן,
ווי די זאַך זאָל ניט געשען,
כ׳הער די ליד, וואָס איך וויל הערן,
כ׳זע דאָס בילד, וואָס איך וויל זען.

כ׳זע די בערג, און כ׳זע די פלאַכן,
כ׳הער פון אויסלייזונג די ליד,
וואָס אויף אַלע, אַלע שפּראַכן
האָט אָ וועג זיך אויסגעגליט.

אויף די בערג און אויף די פלאַכן
כ׳זע דעם בלי פון מײַן געמיט,
כ׳הער אין אַלע, אַלע שפּראַכן
אויך דעם אָפּקלאַנג פון מײַן ליד...

ו

בעל־כּרחו בין איך אָט אַ־דאָ אויף דער ערד,
נאָר פרײַוויליק וויל איך די ערד ניט פאַרלאָזן!
מײַן איצטיקער חוב איז — דאָ לעבן זײַן ווערט
און קושן די ערד, ווו מײַן שווייס כ׳האָב פאַרגאָסן.

ווי שוואַרץ ס׳איז די ערד, נאָר איך פיל ניט קיין שרעק,
די בענקשאַפט איז שווער, נאָר איר לאַסט וויל איך לײַדן.
אַ זילבערנער קוואַל שלאָגט אין האַרצן און וועקט
די האָפענונג אויף נאָענטע בעסערע צײַטן.

איין אוצר פאַרמאָגן איז מיר דאָ באַשערט:
מײַן האַרץ, וואָס האָט אַלץ אַזוי ליב דאָ געקריגן:
אַז פרײַ זאָל דאָ ווערן מײַן לײַבלעכע ערד —
אויך אים בין איך גרייט איצט אַ וואָרף טאָן אין טיגל.

איך האָב ניט געבעטן — בעל־כּרחו איך לעב,
נאָר פרײַוויליק וויל איך די ערד ניט פאַרלאָזן...
דײַן איינציקער חוב, מענטש, פון שאַפונג דאָ שעפּ
און קוש אָט די ערד, וואָס דײַן שווייס האָט באַגאָסן.

*

כ׳וועל ניט געבן די האַנט דעם אַנטווישטן,
כ׳וועל זי געבן, מײַן האַנט, דעם פאַרשמאַכטן,
אָ, איך ווייס, ווי ס׳איז שווער אַלץ צו אויסשטיין,
נאָר איך קאָן וועגן ווײַטער נאָך טראַכטן.

און דורך רויך ווערט דער ווײַטער שוין לויטער,
ער וועט קומען, דער טאָג, ער וועט קומען,
איך דערפיל אים דורך גרויל און דורך שווידער,
און דורך דערנער דערזע איך שוין בלומען.

*

ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך
ואמר לך בדמיך חיי ואמר לך בדמיך חיי
(יחזקאל, טז, ו)

איך זע —
ביסט אין גאַנצן אין בלוט.
איך זע,
אַז מיט קויט איז דײַן שטערן באַקלעפּט.
איך זאָג דיר:
ניט טרויער! געדענק —
דײַן מוח, ער לעבט! אָ, ער לעבט!
און דורך פּײַן און דורך פּלאָג
איז, ווי שטענדיק, אין שאַפֿן, אין גלוט.
איך זע —
מיט בײַלן דײַן גוף איז פֿאַרוועבט,
און מיט ווונדן באַדעקט איז דײַן ברוסט —
ביסט אין גאַנצן אין בלוט...
איך זאָג דיר:
ניט טרויער! געדענק!
דײַן כּוח, ער לעבט! אָ, ער לעבט!
דײַן האַרץ דאַרטן אינווייניק שלאָגט
און טרײַבט ווילן און גלוסט,
און איז פֿול נאָך מיט דרייסט און מיט מוט!..
און דײַן האַנט, דײַן געניטע פּילפּאַכיקע האַנט
(זי געמאָלט האָט רעמבראַנדט),
איז צום שאַרפסטן געווער,
ווי צום צאַרטסטן געצײַג, שוין געווווינט,
כ׳ווייס, דײַן גורל איז שווער, אָ, ווי שווער!

נאָר דײַן שליחות איז גרויס!..
ווי די צײַט דיך ניט שוינט,
דו טראָג זי, דײַן פּײַן, אָן געוויין!
גיי אַרויס
און שרײַ אויס:
וועלט־אויס,
וועלט־אײַן!
און אין וועלטישע קאַנען
צו קאַנען זיך שטעלן און שטיין
און צו זײַן —
לווינט!

יאָר 1941

איך געזעגן זיך שטיל
אויף דער שוועל
מיט דיר, יאָר,
וואָס דו ביסט שוין געווען:
ס׳איז מיר לײַכטער דײַן רוקן
צו זען,
אין דײַן בליק איז מיר קוקן
צו שווער,
דײַן געזיכט איז פאַררויכערט
און שׂרפהדיק העל,
דײַן אַוועקגיין זאָגט צו מיר פיל מער,
גיי אַוועק און ניט ווער!
כ׳האָב דײַן פאַרגייער ציטריק באַגלייט,
כ׳האָב, ווי שטענדיק,
אַ מאָנעלע טרייסט זיך געזוכט
אין פילוואָגיקע פעק
פון יסורים און לייד.
און אין וואָלקנס פון שרעק
כ׳האָב אַ מענטשלעך געזיכט
זיך געזוכט,
וואָס נאָר שמייכלט און שמוכט...
און געקומען דו ביסט,
כ׳האָב דאָס זוכן פאַרלאָזט,
און פאַרלאָזט כ׳האָב מײַן הויז
און מײַן טיש, און מײַן בוך,
און געלאָזט זיך אין וואָגל

אַן לאַסט, ווי מע שטייט, ווי מע גייט,
און כ׳האָב ווידער דערזען:
אויף דעם הימלשן טוך
מײַן שוין פיל מאָל באַוויינטער,
באַזונגענער לאָגל דאָרט שטייט
און פאַרפולט איז מיט טרערן,
און זיי געבן אַן אָרט
פאַר די טרערן פון פעלקער,
וואָס מישן זיך דאָרט.
כ׳האָב מײַן לאָגל מײַן אַלטן
מיט מילדקייט געשענקט
אַלע פעלקער, וואָס זינקען אין שרעק און אין פּײַן...
מײַן געשאַנק, אַלע פעלקער,
אין יאָרן אין ווײַטערע ברענגט!
ברענגט אַהין!
ניט פאַרגעסט,
פאַרגעדענקט —
און מײַן טרייסט וועט דאָס זײַן,
און מײַן טרייסט זאָל דאָס זײַן!

בײַם טײַך דיאָמע

א

כ׳האָב קיין מאָל ניט געטראַכט,
אַז כ׳וועל אַ מאָל דאָ זײַן,
אַהער האָט מיך געבראַכט
אַ פּאַס פון לייד און פּײַן.

אוי, אוי, ס׳איז ניט דאָס לאַנד,
וואָס כ׳האָב אַמאָל געזוכט,
נאָר מילך איך האַלט אין האַנט,
אויך האָניק כ׳האָב פאַרזוכט.

און ברייט זיך שפּרייט אַ טײַך
און פרידן זאָגט נאָך צו,
ווען איך, מיט אַלע גלײַך,
געניסן וועל פון רו.

דערפאַר מײַן זון דאָרט קעמפט,
דערפאַר לײַד איך אָט דאָ,
און האָפענונג מיר דעמפּט
די אָוונטיקע שעה.

מיט אַלע פעלקער גלײַך
אין אונדזער גרויסן לאַנד
מיר זײַנען זאַט און רײַך
און שטרײַטן קעגן שאַנד.

פון לייד און פּײַן אַ פּאַס
האָט מיך אַהער געבראַכט,
און אויך מײַן אַלטער האַס
איז דאָ מיט מיר און וואַרט.

איך טראָג מײַן לייד, מײַן פּײַן
מיט האָפענונג אין בליק
אויף נײַעם פרײַען זײַן,
אויף פולשטענדיקן זיג.

ב

דאָרפיש, באַשקיריש אויף פעלדער־באַראַט,
שווערע ידיעות פון קיִעוו דער שטאָט.

דיאָמע דער טײַך און דער פישפאַנג אויף אים,
כ'הער פון מײַן יוגנט אַ צערטלעכע שטים.

כ'האָב ערשט געלערנט די רוסישע שפּראַך,
פישפאַנג פאַר מיר איז אַ רייצנדע זאַך.

אַלץ, וואָס דערציילט מיר פון אונדזער נאַטור,
האָט אין מײַן האַרצן געצייכנט אַ שפּור.

כ'וווין בײַ מײַן זיידן, ער הייסט ניט באַגראַוו,
און ער פאַרמאָגט ניט קיין רינדער, קיין שאָף.

און ער פאַרמאָגט ניט קיין דינערס, קיין קנעכט,
און פון זײַן אַרבעט זײַן רוקן אים ברעכט.

ליגט ער אַוועק זיך בײַ אייגענער שוועל,
איך, ווי אַ בכור, אויף זײַן רוקן זיך שטעל.

כ׳הייל אים אַזוי פֿון זײַן שטעכעניש אויס,
און מיט מײַן שליחות האַלט איך זיך גרויס.

וואָס איז געמיינזאַם פֿאַראַן צווישן מיר
מיט אַט דעם אייניקל פֿון אַט דעם גביר?

ליבע און בענקשאַפֿט און מענטשלעכער ווײ —
אַט וואָס האָט דענסטמאָל פֿאַראייניקט די צווײ:

מיך — נאָך אַ שנעק, וואָס דעם בוך האָט געלייענט,
אים — דעם דערציילער, וואָס קינדווײַז דאָרט וויינט,

בענקט נאָך זײַן מוטער און פֿרייט זיך מיט איר,
קוקט אויף דעם וועלטל מיט נײַגער, מיט גיר,

און אין זײַן האַרצן שוין צאַפּלדיק טראָגט
אָנהייבן שיינע פֿון מענטשן, וואָס נאָגט

און וויל, אַז דער צווייטער אין ווײַטערע יאָר
זאָל פֿון זײַן לעבן דערוויסן זיך קלאָר,

זאָל אויך דערשפּירן זײַן פֿרייד און זײַן לייד,
ס׳זאָל אים דערפֿירן צו ווײַטערע רייד...

*

זיבן טעג האָב איך געשוויגן,
איך האָב אָפּגעשוויגן שיבעה —
אויף דעם אַכטן כ׳בין אַרויס
פון מײַן אויסגעשטומטן הויז.
ס׳בעט זיך שוין דאָס וואָרט דאָס ערשטע,
איצטער שטייט מיר פאָר דאָס שווערסטע,
איצטער קומט די גרויסע לייד —
ריידן מוז איך, ס׳גייען רייד...
כ׳בין פאַרמישפּט ווערטער פּראָסטע
שטעלן רייענווײַז געמאָסטן,
און פון ווייען און פון לייד
שאַפן פײַן־געפורעמטע רייד.

אַלטע ביכער

כ׳האָב ליב די צוקונפט, ווען דער עבר ליגט דאָ נעבן —
אין מאָסקווע האָב איך אַלטע ביכער זיך געקריגן,
און ווידער אַלטע בילדער שוועבן פאַר די בליקן,
און ווידער פיל איך אים, דעם טעם פון פולן לעבן.

ווי קורץ איז ער, דער פאַס פון לעבן, און ווי שמאָל,
אויב ער איז נאָר באַגרענעצט מיט דײַן קליינעם איך.
דאָס לעבן יאָגט אַזוי — פון גיכער איז עס גיך,
ס׳איז גוט, וואָס ס׳איז געווען, וואָס ס׳וועט נאָך זײַן „אַ מאָל״,

ווײַל אויך די קעגנוואַרט, אַיעדער אויגנבליק —
נאָך איידער דו באַוויזסט באַמערקן, עבר ווערט.
און גוט די צוקונפט בויט זיך אויף דער ערד,
ווען אַלץ געבונדן איז מיט פעסטע, צאַרטע שטריק.

ניט איך, ניט דו מיט קליינעם הויזגעזינד,
עס גלוסט זיך שאַפן פאַר דער וועלט נאָך ווי אַ פאָלק,
מיט זין געטרײַסטע מערן איר דערפאָלג
און ווערן פאַר דער מענטשהייט אַ געראָטן קינד.

אַ קינד פון עלטערן, וואָס האָבן טרײַ געדינט
מיט זייער אָנגעשטרענגטער מי דעם גאַנצן זײַן,
אַ קינד פון פאָלק, וואָס האָט געלײַטערט זיך אין פײַן,
וואָס גליק אין פרעמדן אומגליק קיין מאָל ניט געפינט.

*

ביז וואַנען נאָר דיכטונג בײַ מענטשן וועט בלײַען
און ס׳וועט נאָך געזאַנג עקסיסטירן,
וועט יעדער געפינען מײַן שפור:
די וועגן, וואָס צווישן די היימען זיך ציִען,
מײַן ליד וועט זיכער דערפירן
דורך לופט, דורך מעטאַלענעם שנור.

אוקראַיִנער סטעפּעס און וועלדער סיבירער
און כוואַליעס אויף וועלטישע ימען
געהערט האָבן זיכער מײַן ליד.
די ערד מיט דער גאַנצענער הערשאַפט אירער,
מיט אַלע מיט מענטשלעכע שטאַמען
די ליד האָבן זיכער פאַרהיט.

ס׳איז ניט נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב שוין פאַרערער
אין אַלע פאַרשיידענע לענדער,
ווו ייִדיש נאָר איז שוין פאַרשפרייט,
נאָר ווײַל ניט פאַרשוועכט כ׳האָב מײַן אוראַלטע ערע:
מײַן ליד איז אין ווײַטן געווענדט
און ביז „האזינו״ * דערגייט.

* האזינו — אין ספר „דברים״.

דערפֿאַר ווײַל מײַן דיכטונג, מײַן בענטשונג מײַן גרויסע,
דער איידלסטער מאַרך פֿון די ביינער,
מײַן ציכטיקסטע ליבע, מײַן פֿרייד,
ווײַל שטענדיק נאָר איינס, און איין זאַך איז זי אויסן,
און גליט נאָר אין לײַדנשאַפֿט איינער:
פֿאַרלינדערן מענטשלעכע לייד...

*

האָפענונג און שרעק
י. ל. פּרץ

אַליין אַ בלינדע איז די שרעק
ניט זי קאָן ווייַזן אונדז דעם וועג,

פאַראַן איין ווייַזער, איין מאַגניט —
דאָס איז די האָפענונג, וואָס ציט

און ווייַזט די ריכטונג, ווייַזט דעם ציל
פאַר דעם געדאַנק, פאַר דעם געפיל.

פיל דורות איז די האָפענונג אַלט,
פילקאַנטיק איז איר הויך געשטאַלט,

פאַרשיידן איז איר אַלטע מאַכט
אין טעג פון רו, אין טעג פון שלאַכט.

פאַרשיידן איז עס, איר געווער,
אויף יעדן שייד, אויף יעדן קער.

זי ווייסט דעם אויסוועג און דעם וועג,
ביי איר אין דינסט איז אויך די שרעק.

אין טעג פון וויי, אין טעג פון צער —
געעדנקט ווער דינער איז, ווער — האַר!

מיר האָבן הייַנט דאָס גרויסע גליק
דאָס מעלדן הויך אין טעג פון זיג!..

אין טעג פון אנהייב

איז וואָס, איז וואָס, אַז כ׳בין שוין גראָוו און אַלט געוואָרן —
אויף הויכער שאַפונג האָב איך אַלע שיינע רעכט;
צום אַלטן און פאַרהאַסטן כ׳האָב אַזוי פיל צאָרן,
איך האָב פון קינדוויַיז אָן געזען אַזוי פיל קנעכט,
און צווישן ערשטע כ׳האָב דערהערט דעם רוף פון האָרן,
וואָס האָט דעם אָנהייב פון באַפריַיונג אונדז דערקלערט,
אין שלאַכטן אומגעהיַיערע, אין פלאַם, אין פיַיער
בין איך מיט זיי געווען אַ דיכטער אַ געטריַיער.

מיט זיי, מיט אַלע, מיט באַרימטע און מיט שטומע,
מיט אומבאַוווּסטע מיטגייער און גוטע פריַינד
אויף שליאַכן ברייטע און אויף סטעזשקעלער אויף קרומע,
זיי אַלע כ׳וויל מיט האַרציקייט דערמאָנען היַינט...
כ׳האָב דעם שטילן יזכּור לאַנג שוין אויפגענומען
נאָך ערב... פלוצעם אָנגעפאַלן איז דער פיַינד, —
און יזכּור, ווי אַ שטורעם, האָט זיך דורכגעטראָגן
אויף אַלע וועגן פון דער וועלט, אויף אַלע ראָגן...

כ׳האָב פון מיַין וויַיטער קינדהייט דענטסמאָל אָנגעהויבן,
פון דענסטמאָל, ווען „אין תּהום פון נאַכט, אין לאַנד פון שניי״
אין קליינעם דערפעלע האָב איך מיט יונגן גלויבן
געגרייט זיך צו „פּראָצעסיע״, צום אויסגעשריי
„איך גיי״... כ׳האָב פויגלען אויך באַשווערט מיַין זיי ניט קליַיבן...
און איצט... אין גרויס פאַרלוירנקייט פאַר איַיך איך שטיי,
און איצט... איך שטיי מיט פריַינד פאַריתומטע צוזאַמען
אויף קבֿרים־פעלדער און אין מתים־שטעט אָן צאַמען.

אין מײַן אָנגעשטערענגטער האַנט איך האַלט מיט ציטער
מײַן דינינק ביכּעלע, וואָס הייסט נאָר אַלץ „איך גלייב״,
און אָפט איז פאַר די אויגן פינצטער... ביטער
איז אָפט דער ביסן אין באַטריבטן לאַנד, איך הייב
די בליקן צו די העכסטע טורעמס... היטער
געטרײַ דאָרט שטייען... יאָ, איך גלייב, איך גלייב!
מיט בעסטער רעשט פון אַלע מײַנע גרויסע קרעפטן
צום זיג־געשריי וועל איך, אויך איך מײַן שטים באַהעפטן.

מײַן זינגענדיקע שטים איצט פלעכט איך דרייסט אַרײַן
אין כאָר, וואָס וועט די ליד פון גרויסן זיג גיך זינגען,
וואָס וועט מיט רום מיט אייביקן די טיפע פּײַן
באַדעקן און זי אָנשליסן מיט פעסטע רינגען
אין קייט פון הויכע ליידן און פון שענסטן זײַן,
אין קייט פון אונדזער פאָלק, וואָס קיין מאָל וועט ניט זינקען...
זיך גרייטן צו דער ליד כ׳וועל קיין מאָל מיד ניט ווערן,
כ׳וועל שטענדיק זינגען זי מיט פרייד... מיט פרייד דורך טרערן.

*

און ווידער אַ וועלט
אײַנגעפֿאַלן...
און שאַ...

צי דען איז מיר איינעם
באַשערט אַט דער ביטערער מזל,
באַשטימט אַט דער טרויעריקער גורל
צוויי וועלטן באַוויינען...
ווי לאַנג איז געווען עס
אַ פערטל יאָרהונדערט אַוועק
און ווידער אין ימען פון גרויל און פון שרעק
אויף שוימיקע כוואַליעס פון אומגליק
די ברעקלעך פון שיפן פון דײַנע
זיך הוידען און שווימען אָן ציל און אָן צוועק...

איבער וועלדער און פליינען
זיך שפרייטן נאָך עכאָס
פון לעצטע געשרייען
פון לעצטע געוויינען...
און דו גייסט אַרום
נאָך האַלב טויב און האַלב שטום
און דו ווייסט ניט וווהין
אין אַוועלכער זײַט פון דער וועלט,
אין אַוועלכער טייל פונעם קרײַז
דײַן אויער צו קערן,
און דו ווייסט ניט ווי פריִער;
ווי אַזוי דאָ צו זײַן,
ווי אַזוי דאָ ניט ווערן...

אַרײַנפֿיר אין דער פּאָעמע 1944

און אַז איך וויל,
פֿאַרשטאָפּ איך מײַנע אויערן
און שטאַרק מײַן האַרץ,
און ס׳ווערט אַרום מיר פֿאַרכטיק שטיל:
ניטאָ קיין טרויערן,
ניטאָ קיין וויי־געשרייען,
ניטאָ קיין פּײַן, קיין נויט.
און אַ פֿאַרשעמטער,
שטייט דער בלאַסער טויט
און חזרט טויב:
„תּפֿסת מרובה, לא תּפֿסת״ —
גיי, כאַפּ דעם שטויב...
— סטײַטש...
אַזוי פֿיל, דאַכט זיך, אויסגעשאָכטן ייִדן,
די דײַטשן האָבן מיר דאָך טרײַ געדינט,
און דאָך —
דער שׂר פֿון די ייִדן,
ער קוקט אַ ביסעלע פֿאַרזאָרגט, —
און ער איז דאָך צופֿרידן;
דער שׂר טוט איינס —
ער לײַט און באָרגט
אמונה און בטחון
אויף לינקס, אויף רעכטס
אי קליינע פֿעלקערלעך, אי גרויסע,
ער גלייבט אַלץ אין זײַן אייביקן נצחון,
ער טענהט פֿאַר דער גאַנצער וועלט,

פאַר דעם גרויסן דרויסן:
— גרויסע וועלט,
עס איז איצט קלאָר דיר,
גרויסע וועלט:
כ׳וויל איצטער זיי ניט ציילן, די פאַרלוסטן,
די אבידות,
די בײַלן און די וווּנדן,
מײַן גאַנצער גורל איז געשטעלט אין קאָן...
מײַן בליק איז צו איין פּונקט געבונדן,
און איך האָב שוין אַליין געזען:
אָט דאָרט, אין קאָן פון אַלע קאָנען,
ווו אַלץ דאָרט אין די הייכן
ווערט פאַרקריצט, פאַרצייכנט,
דאָרט, קעגן מײַן שוין פיל דערמאָנטן נאָמען,
שטייט:
— ז כ ה!
דאָס איז טײַטש: ער האָט געוווּנען!
און קעגן נעמען
פון אַלע מײַנע שׂונאים
בפירוש שטייט:
— לא זכה!
...אָ, גרויסע וועלט!
איך האָב געוווּנען!
מײַן גאַנצער גורל איז אין קאָן געווען געשטעלט!
איך ווייס:
מיליאָנען פײַנען
נאָך לויערן אויף קינדער מײַנע
אין אַלע עקן, בײַ אַלע טויערן פון וועלט...

אָ, גרויסע וועלט,
איך האָב געוווּנען !...
מײַן זײַן באַשטעטיקט איז —
און צווישן שענסטע זײַנען
וועט ער אייביק זײַן.

אַזוי דערהער איך זי אַ מאָל
אין שטילקייט פּאַרכטיקער,
די שטים
פון דעם פאַרשעמטן בלאַסן טויט,
ער חזרט איבער טויב
די אַלטינקע ציטאַטע :
„תּפסתּ מרובה לא תּפסתּ״.
— נו, גיי און כאַפּ דעם שטויב.

אַזעלכע רגעס זײַנען
מײַן טרייסט מײַן איינציקע לעת עתּה,
און אין אַזעלכע רגעס
בין איך נאָך אין שטאַנד זיך נעמען צו דער פּען
און מיטן אַלטן נוסח שרײַבן נאָך איך קען.
עס וואַכט מײַן ציכטיקער זכּרון,
וואָס קאָן אַזוי פיל אויך פאַרגעסן,—
איך צי דעם שנור פון יענע יאָרן,
פון יענע ליכטיקע מעת־לעתן,
ווען כ׳האָב אַ גאַנצן דור
געצוווּנגען פאַרגעדענקען קלאָר
פון מײַנע שורהלער אַ גאַנצע פּאָר.
ס׳איז ניט קיין פראַגע, ניט קיין קלאָג !

ס'איז גלאַט אַזוי אַ זאָג,
וואָס מע געדענקט אים נאָך ביז היינט צו טאָג:
„אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער
ווו קאָן מען זיין עלנטער, ווו קאָן מען זיין עלנטער?"

*

די ייִנגסטע שרייבער אונדזערע פיל מאָל
האָבן מיר די שורות צוגעשיקט פון שלאַכטפעלדער פאַרווייטע,
איך האָב געהערט
פון טויזנטער דאָס קול,
ווען צוגן האָבן זיך געטראָגן,
געיאָגט פון פייַנד
אויף שטחן פאַרשנייטע.
ווער זאָגט עס,
אַז מיין פאָלק
האָט שוין פאַרלאָרן
זיין מעכטיקן זכרון?
אויך איך, אויך דו
געדענקען נאָך דאָס ביסל רו
פון יענע וויכטיקע מעת־לעתן.
מיין פאָלק נאָך דענקט
מיין פאָלק געדענקט!
ס'איז אַלץ פאַרהיט
געטריי און גלייביק
אין זיין געמיט
אויף אייביק!

בײַ מײַן פענצטער

Хочу быть с веком наравне
А. Пушкин

איך שטיי בײַ מײַן ליכטיקן פענצטער...
די פרעכע פֿאַרשאָלטענע מערדערס,
זיי האָבן געוואָלט מיך פֿאַרטרײַבן פֿון ליבע, פֿון היימישע ערטער...
זיי האָבן מיט זייערע קללות זיך שענדלעך אַלוועלטלעך דערוואָרגן —
איך שטיי בײַ מײַן ליכטיקן פענצטער און זאָג אונדזער וועלט:
„אַ גוט מאָרגן".

איך גלייב, אַז דער פענצטער, פֿון וואַנען זיי האָבן
געוואָלט מיך פֿאַרטרײַבן,
דורך שורות פֿון לידער פֿון מײַנע, וועט מײַנער
אויף אייביק פֿאַרבלײַבן.
איך קוק אויף דער מעסיקער בלויקייט פֿון הימלשע שטאָפֿן פֿון עכטע,
געוווייקט און געשווענקט און געוואַשן פֿון שטורמישע
כמאַרעס ערשט נעכטן,
איך זע די אַנצאָליקע גראָבנס לענג־אויס די גרויסשטאָטישע גאַסן,
די שטאָלענע טרויבן, וואָס וואַרטן מע זאָל זיי אין טיפֿן פֿאַרפּאַסן,
זיי זאָלן אין קיִעוו פֿאַרגאַנצן די האַפּט פֿון דער נעץ פֿון דער ברייטער,
וואָס ציט זיך פֿון ווײַטע קאַרפּאַטן — „דאַשאַוואַ־קיִעווגאַז־לייטער"

איך קוק אויף די שפּיצן פֿון ביימער און פֿיל אים, דעם גאַנג פֿון די צײַטן,
די האַרבסטיקע שוועלן דערפֿיל איך, זיי ווינקען צו מיר פֿון דער ווײַטנס.
איך זע די אַלפֿאַלקישע פֿעלדער: די אַרבעט דער שניטער פֿאַרענדיקט,
די שפּײַכלערס פֿון אונדזער מלוכה — דער זאַמלער
פֿאַרפֿולט זיי, ווי שטענדיק;
די שולן אויף זיבעציק שפּראַכן זיך גרייטן דערקלערן די קינדער

דעם סדר העולם באַוויַזן, און וואָס פאַר אַ ציַיט ס׳איז אַצינדער,
און מוטיקייט גרויסע פון לעבן (מיַין האַרץ אָן אַ טעות דערקענט זי)
פאַרפלייצט אַלע צעלן פיַן מוח, וואָס ווידער צו שאַפונג ער ווענדט זיך...

אויב דיכטונג אָט דאָ מיַין באַרוף איז, איז וויל איך זיך גלייַכן צו ליַיטן,
איך האָב אין מיַין יוגנט געווענדט זיך צום דיכטער,
וואָס שטאַמט אויך פון וויַיטן,
וואָס האָט אָט די פעלדער די ברייטע באַוואונדערט, באַדויערט, באַזונגען.
איך האָב זיַינע שענסטע געזאַנגען באַנומען מיט האַרצן מיט יונגן,
אַמאָל נאָך האָט ער שוין פאַרשטאַנען, און זיַין מיט דער
ציַיט האָט געעצהט,
ניט אָפּשטיין פון גאַנג פון דער תּקופה — מיט
פאָדערשטע פלייצע צו פלייצע.

ס׳איז לעכערלעך זיך צו דערמאָנען, כ׳האָב אים
אין מיַין גלייַכן פאַרוואַנדלט :
עבדים היינו... מע האָט ווי אַ קנעכט דאָך זיַין יידן באַהאַנדלט...
ס׳איז קלאָר דאָך, אַז פּושקינען מיין איך. געווען זיַינען קרובים די זיידעס.
און ביידע באַנומען די וועלטן פון אָט די פעלדישע ברייטן...
כ׳האָב זיַינע געזאַנגען מיט חידוש געהערט נאָך אין קינדהייט אין מיַינער.
כאָטש אַנדערש, גאָר אַנדערש באַטראַכט כ׳האָב דאָס
לעבן פון הוילע ציגיַינער,
געמאַכט כ׳האָב פיל ריַיזעס און וויַטע,
פון זיַיניקע ריַיזעס פיל גרעסער,
ער האָט זיך דאָך קיין מאָל גאָר וויַט ניט געשיידט
מיט דעם ברעג דעם אָדעסער...

געזען האָב איך פיל אין מיַין ליכטיקן און אומפאַרגעסלעכן וואַנדער,
געזען כ׳האָב פילאַרטיקע וועלטן, נאָר אַלץ דאָרט געזען האָב איך אַנדערש.

אויך איצט, ווי אַ קינד נאָר, איך פריי זיך מיט אַלץ,
וואָס זײַן אָנדענק דעראינערט,
ס'איז שטענדיק געווען מיר דערווידער
דאָס אַלץ, וואָס זײַן זוניקייט מינערט.
אָ, ער — אונדזער דיכטער — האָט שטענדיק מײַן ווען מיט צוויבער געצויגן.
זײַן בענקשאַפט זײַן גרויסע צו פרײַהייט —
זי שטייט מיר אַצינד פאַר די אויגן.

ס'איז קלאָר מיר, אַז ער איז אַצינד אומעטום מיט די פרײַהייט־סאָלדאַטן
אין עקן אין אַלע פון וועלט, האָט זײַן הויכן באַרוף ניט פאַרראַטן,
ווו ביירען, זײַן מוטיקער פרײַנד, האָט אַמאָל נאָר געקעמפט
פאַר די גריכן,
איצט קעמפט אונדזער פושקין מיט שלענג, וואָס פון
הויפטנעסט נאָר אומעטום קריכן
אין אַלע מדינות,
ווי אויך אין ישׂראל — דער ייִנגסטער מדינה —
זײַן ליבע איצט קעמפט פאַר די פרײַנד,
אַלע פײַנד איצט שפירן זײַן שׂינאה.

איך שטיי בײַ די האַרבסטיקע שוועלן...
עס ווינקט שוין דאָס יאָר נײַן און פערציק...
דרײַ יובלען זינט ער איז געבוירן
זינט איך בין געבוירן ווערט זעכציק...

איך שטיי בײַ די שוועלן פון צוקונפט — זײַן נאָענטקייט פיל איך אַלזײַטיק.
ווי פרוכט אויף אומענדלעכע פעלדער, איצט ווערט
אונדזער ליבע געצײַטיקט.
איך וויל וועגן דעם אײַך דערציילן, איר, פרײַנד מײַנע,
ווו נאָר איר זײַט דאָרט,

אַוווּ נאָר איר זײַט נאָך געבליבן, וווּהין נאָר איר האָט שוין פֿאַרוואַנדערט...
קיין מערב, קיין דרום, קיין צפון, אין נאָענטן מיזרח, אין ווײַטן —
ער גרייכט אומעטום שוין דער אָטעם פֿון אונדזערע גלײַיקע צײַטן.
זאָל אַלעמען אײַך איצט דערגרייכן דאָס גליק, וואָס בײַ
מיר איז פֿאַרבאָרגן:
איך שטיי בײַ מײַן ליכטיקן פֿענצטער און זאָג אונדזער
וועלט: „אַ גוט מאָרגן!“

1948

אַ בריוו פון דוד האָפשטיין צו חיים נחמן ביאַליק

בערלין 1923

1

טייערער חיים נחמן ביאַליק!

[illegible]

2) דורך מיליאנען [illegible] די שטילע, וואו ס'[illegible]
די סאַבאַרעס און [illegible] [illegible], ווי פאר [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אריבער
[illegible], [illegible] דער [illegible]:

„[illegible] של עולם,
[illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible]"

[illegible] זיין [illegible]!... [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible],
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible]
[illegible] די [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
די [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]-[illegible]
[illegible] [illegible]-[illegible]-[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

3)

וויִם - נחמן פֿאַר אַוועק, אַרבעטער ווערטער 13 [illegible]

פֿון דער אַרבעטער [illegible] אונטערער - [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

4

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

פֿון דוד האָפּשטיינס העברעיִשע לידער

שנה ראשונה, גליון א.

נרשם במשרד הדואר המרכזי בירושלם.

המען:
„דבר", תל־אביב

دابار

جريدة يومية لعمال فلسطين

تل ابيب

DAVAR
Palsstine Labour Daily
Tel-Aviv, Palestine.

לטלגרמות: DAVAR, TEL-AVIV
טלפון: יפו 375
מעון המערכת וההנהלה:
תל־אביב, רחוב יבנה, בית זאב טברסקי
מול דפוס הפועל הצעיר.

המו"ל: „חברת העובדים בע"מ.
העורך: ב. כצנלסון.

מן התוכן:

* * *

הֲגוּת לִבִּי, תּוּגַת רוּחִי – מַה הֵן? נְקִיֵּי כַּפַּיִם, זַכֵּי לֵבָב.
(לִי רַק תִּהְיֶינָה לְעָמָל שַׁעֲשׁוּעִים!) עוֹלִים בָּהָר, בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ עוֹמְדִים,
בְּכָל תֵּבַת נֹבֵא פֹּה - מֵאוֹר הַיֵּאוּשׁ בַּן, פּוֹתְחִים חֲרָבוֹת לָאִתִּים,
וְכָל לְבֵנָה – בַּת גַּעְגּוּעִים. זוֹנְחִים שִׁירֵי הַקְּרָב...

אַךְ זִכְרוֹנֵנוּ - בּוֹר סִיד.
אַל נָא נִשְׁכָּחֶה:
תֵּבֵל הִיא הָוְיָה!

כָּכָה...

דוד הופשטין.

דוד הופשטיין

שירים עבריים

*

בָּהִיר הוּא הַיּוֹם
וְהַכְּבִישׁ מָלֵא זֹהַר —
אֵיךְ אֶשָּׁאֵר פֹּה דֹּם
בֵּין דִּמְדוּמֵי הַנֹּעַר?

מִכָּל דְּרָכַי בַּחֶלֶד
אֲסוּרָה בִּרְעָדָה,
כִּי אֶשְׁמַע קוֹל יֶלֶד:
„הַצְדָה!"

*

אַהֲבָה!
אַךְ לְעִתִּים רְחוֹקוֹת הֵעָלִי מֵאָהֳלִי.

יָדַעְתִּי:
אַתְּ לֹא תַּחֲרִיבִי עוֹלָמוֹת

אוּלָם
חֲדָשִׁים תִּבְנִי, תְּגַלִּי.

*

לְהִמָּצֵא יוֹם תָּמִים
בִּרְשׁוּת דְּרָכִים,
יוֹם תָּמִים —
וּמוֹלִיךְ רַק רוּחַ.

וּבֵין דֶּרֶךְ וְאֵין דֶּרֶךְ תַּעֲלֶה אַף צָרָה
וְרַק רִיסֵי־נֹעַר בֵּין זֹהַר־שֶׁמֶשׁ וָצַיִן:
יָפָה
עֲלֵי אֶרֶץ אָיִן.

דוד הופשטיין /

שני שירים

בדרך

עוֹלֶה, עוֹלֶה הַדֶּרֶךְ
אֵי־פֹּה, אֵי־שָׁם —
פֶּרַח יָחִיד
כַּלָּנִית.

טִפּוֹת דָּם
עַל צֶלַע הָהָר,
טִפּוֹת דָּם
מִבְּשַׂר הַסֶּלַע.

שָׁם, שָׁם
עַל שַׁלְגֵי צָפוֹן —
טִפּוֹת דָּמִי.

אַרְצִי, אִמִּי
לֹא חֶרֶב, לֹא כִּידוֹן
הֵבֵאתִי לָךְ...

זִכְרוֹן דָּמִי, חַם־לֵב
אִמִּי, אַרְצִי,
הֵבֵאתִי.

אֶת מִנְחָתִי רְצִי.

„בדרך" נדפס לראשונה ב־„הארץ", אייר תרפ"ח.

השיר השני נדפס לראשונה בספר השנה של ארץ־ישראל, ב־2 חשון תרפ"ו.

✶

דִּקִּיק, שָׁקוּף הַחַיִץ
בֵּין הָאָבִיב
וּבֵין הַקַּיִץ.

עֲמָד־נָא עַל הַסַּף
וּשְׁמַע־נָא רֶגַע:
עוֹד חַף כָּל גִּיב,
עוֹד בַּר כָּל הֶגֶה...

הַשְׁקֵט!
לְכָל צְלִיל
הֱיֵה־נָא עֵד...
וּמַה לְּךָ לַחְקֹר,
אֵיפֹה אַתָּה עוֹמֵד,
וּלְאָן מוֹבִיל
הַשְּׁבִיל!

וּמַה לְּךָ לַחְקֹר,
אֵיזוֹהִי הַשָּׁנָה:
וְהַמִּסְפָּר לָמָּה!

הַשְׁקֵט וּשְׁמַע!
לְכָל צְלִיל,
לְכָל נִיד
הֱיֵה־נָא עֵד:

אַתָּה תָּמִיד הַשְּׁבִיל
אַתָּה תָּמִיד הָעֵת...

און אויב אַ מאָל וועט אויף מײַן קבר זײַן אַ שטיין
(זאָל בעסער יאָ זײַן, איידער ניין)
איז זאָל דאָס זײַן אַ שטיין אַן עבטער,
פון טרײַע הענט
געטעסעט,
און זאָל אין אויפשריפט זײַן פאַרפלאָכטן
אַ וואָרט אַן אַלטס,
אויף עבטן שטיין
פון טרײַע הענט
געטעסעט,
אַ וואָרט
וואָס קלינגט פאַר פיל שוין פרעמד:
ח ס ד.

ביאָגראַפֿישע פּרטים

דוד האָפּשטיין איז געבוירן געוואָרן דעם 25סטן יוני 1889 אין קאָראָסטישעוו, קיִעווער געגנט. זײַן פֿאָטער, נחמיה, אַ וואַלד־אָנגעשטעלטער, האָט שפּעטער איבערגעוואַנדערט מיט דער פֿאַמיליע אין דאָרף יאַסנאָגראַד אין וואָלין, ווו ער האָט אַליין מיט זײַן משפּחה באַאַרבעט זײַן קליין שטיקל ערד. פֿון פֿינף ביז נײַן יאָר האָט דוד געלערנט אין חדר, דערנאָך אַוועק ווײַנען און לערנען בײַם זיידן ר׳ עקיבאלע, וואָס איז געווען אַ מלמד אין קאָראָסטישעוו. גלײַכצײַטיק האָט ער געלערנט רוסיש און העברעיִש בײַ אַ פּריוואַטן לערער. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז ער צוריקגעפֿאָרן צו זײַנע עלטערן אין דאָרף, האָט צוויי יאָר געלערנט בײַ אַראָפּגעבראַכטע לערערס פֿון זשיטאָמיר, דערנאָך געאַרבעט אין דער דאָרפֿישער באַלעבאַטישקייט צוזאַמען מיט זײַנע 10 ייִנגערע ברידער און שוועסטער. צו זײַנע 17 יאָר געווען אַ לערער אין שכנותדיקן דאָרף און אויך פֿאַרגעזעצט זײַן זעלבסט־בילדונג. אין 1907 איז האָפּשטיין געקומען קיין קיִעוו, דורכגעמאַכט דעם קורס פֿון 6 קלאַסן גימנאַזיע, געדינט אין מיליטער, דערנאָך אויסגעהאַלטן מאַטורע־עקזאַמענס, שפּעטער געלערנט אין קיִעווער קאָמערץ־אינסטיטוט, אויך געהערט לעקציעס אויפֿן פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט פֿון דאָרטיקן אוניווערסיטעט.

שוין צו 9 יאָר האָט האָפּשטיין געשריבן לידער אין העברעיִש, שפּעטער אויך אין רוסיש און אין אוקראַיִניש. אין ייִדיש דעביוטירט מיט אַן עטיוד „אין דאָרף" און מיט לידער אין דער קיִעווער „נײַע צײַט" (1917). נאָך דער רעוואָלוציע פֿאַרנומען אַנפֿירנדיקע פּאָזיציעס אינעם ייִדישן ליטעראַרישן לעבן אין קיִעוו. אָנטייל גענומען אין די זאַמלונגען „אייגנס" (קיִעוו, 1918־1920), „אויפֿגאַנג (קיִעוו, 1919), „די נײַע וועלט" (ווילנע, 1919). גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פֿון דער קיִעווער „קולטור־ליגע" און געווען איינער פֿון די גרינדערס און רעדאַקטאָר פֿונעם פֿאַרלאַג „ווידערוווקס", וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי זאַמלונגען פֿון די יונגע ייִדישע דיכטערס. ווי אַ לערער און וועגווײַזער פֿון די יונגע שרײַבערס אויך געשריבן הקדמות צו עטלעכע פֿון אָט די לידער־זאַמלונגען. אין די יאָרן 1919—1922 פֿאַרעפֿנטלעכט 6 לידער־זאַמלונגען (זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג „בײַ וועגן" איז דערשינען אין קיִעוו, 1919). סוף 1920 איז דוד האָפּשטיין אַריבערגעפֿאָרן קיין מאָסקווע און אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דעם מאָסקווער קרײַז (שפּעטער : פֿאַראיין) פֿון ייִדישע שרײַבערס און קינסט־לערס. אויך געווען פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון זשורנאַל „שטראָם".

אין 1924 יאָר האָט האָפּשטיין געגעבן זײַן אונטערשריפֿט אויף דעם מעמאָראַנדום צו רער רעגירונג קעגן די רדיפֿות אויף העברעיִש, וואָס איז שאַרף פֿאַרורטיילט געוואָרן אויף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון ייִדישע ליטעראַטור־און קונסט־טוערס אין מאָסקווע. אויך די רעדאַקציע „שטראָם" האָט דערפֿאַר באַזײַטיקט האָפּשטיינען פֿון איר רעדקאָלעגיע. נאָך דעם דאָזיקן סיכסוך איז האָפּשטיין אַוועקגעפֿאָרן קיין בערלין. צו יענער צײַט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „צוקונפֿט" (ניו־יאָרק) די דראַמאַטישע פּאָעמע „שאול דער לעצטער מלך אין ישׂראל"

(יולי, 1924), די בופאָנאַדע „משיחס צײַטן" (מײַ, 1925) א.אַ. אין אַפּריל 1925 איז האָפשטיין אַרויסגעפאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אין משך פון אַ יאָר פאַרעפנטלעכט העברעיִשע לידער אין דער ארץ־ישׂראלדיקער פּרעסע („הדים", „הפועל הצעיר", „הארץ", „דבר" א.אַ.). אַן אַרטיקל „שפינוזה והעכביש" („דבר" מוסף תּרפ"ו). אַן אַרטיקל וועגן אָשר שוואַרצמאַנען („דבר", מוסף לשבת ולמועדים, י"ד תּשרי, תּרפ"ו), אָפּהאַנדלונגען וועגן עטלעכע פאָרשטעלונגען אין ארץ־ישׂראלדיקן טעאַטער : „החולה המדומה" בתא"י, „מוליער עס הבמה העברית" („הארץ", ג׳ טבת, תּרפ"ו), הדיבוק", להצגה בתא"י („דבר", מוסף כ׳ח שבט תּרפ"ו) און אַנדערע. (אויך אָנגעשריבן אַ פּיעסע „מגילת אסתּר", פאַר „תּא׳י".

אין 1926 קערט זיך דוד האָפשטיין צוריק אין ראַטנפאַרבאַנד און ווערט איינער פון די אַקטיווע בויער פון דער סאָוועטיש יידישער ליטעראַטור. אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די יידישע פּראָלעטאַרישע שרײַבערס אין אוקראַיִנע, וואָס איז פאָרגעקומען סוף 1927, איז האָפשטיין אויסגעקליבן געוואָרן אין דער ביוראָ פון דער יידישער סעקציע בײַם „וואָפּ" און שפּעטער, בעת ס׳איז אַנטשטאַנען דער אָרגאַן אירער. דער זשורנאַל „פּראָליט" (מערץ 1928), אַרײַן אין דער רעדקאָלעגיע. געווען טעטיק אין דער יידישער סעקציע פון „וואָפּ" ביז אָקטאָבער 1929, און ווידער געקומען צו אַ סיכסוך מיט די יידישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער־קרײַזן אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס מאָל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַוווּסטער העץ־קאָמפּאַניע קעגן ל. קוויטקאָ. אין דער רעזאָלוציע פון דער יידישער סעקציע בײַם „וואָפּ" וועגן „מעשׂה־קוויטקאָ" ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז האָפשטיין, „געפינענדיק זיך אין אַ פּראָלעטאַרישער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע, האָט ניט באַוויזן ליקווידירן זײַנע אַמאָליקע קלײנבירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און אָנשויונגען, און ער האָט זיך אַזוי אַרום אַלס מיטגליד פון אַ פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע ניט באַרעכטיקט. באַשליסט די יידסעקציע פון „וואָפּ" אויסשליסן האָפשטיינען פון אירע רייען".

דוד האָפשטיין האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין לעבן פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד ; פאַרעפנטלעכט לידער, פּאָעמעס, קינדער־לידער. אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט י. יאַכינסאָנען און א. ספּיוואַקן כרעסטאָמאַטיעס פאַר יידישע שולן ; אָנגעשריבן צוזאַמען מיט פּ. שאַמעס אַ בוך „טעאָריע פון ליטעראַטור, פּאָעטיק" (כאַרקאָוו, 1930) ; פאַרעפנטלעכט אַ דראַמע פאַר קינדער „ספּאַרטאַק" (מינסק, 1929) און אַנדערע. אין 1935 געאַרבעט איבער אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק „יאָרן", פון וועלכן ס׳איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָר איין קאַפּיטל אין זשורנאַל „פאַרמעסט" (1935). דוד האָפשטיין האָט איבערגעזעצט אַ סך ווערק פון דער רוסישער, אוקראַיִנישער און מערב אייראָפּעיִשער קלאַסישער ליטעראַטור (פּושקין, לערמאָנטאָוו, טיוטשעוו, שעווטשענקאָ, שעקספּיר, מאָליער, באָמאַרשע, געטע, שילער, איבסען א.אַ.). זײַנע לידער זענען איבערגעזעצט אין אַנדערע שפּראַכן. אין בוך־פאָרעם זענען דערשינען 9 ביכער אין רוסיש, 5 — אין אוקראַיִניש. איבערזעצונגען פון דוד האָפשטיינס ווערק זענען אויך אײַנגעשלאָסן אין אַנטאָלאָגיעס אויף פאַרשיידענע שפּראַכן — עברית, ענגליש, פראַנצייזיש, דײַטש, רוסיש, אוקראַיִניש, פּויליש א.אַ.

אין 1939 יאָר איז האָפשטיין באַלוינט געוואָרן לכבוד זיין 50סטן געבוירנטאָג מיט אַן אָרדן „ערן־צייכן”. בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ מיטגליד פון ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין ראַטנפאַרבאַנד; פון זומער 1941 ביז אויגוסט 1944 געוווינט אין אופאַ (באַשקיריע). פאַרעפנטלעכט לידער אין „אייניקייט” און אין אַנדערע אויסגאַבעס. אין 1946 באַערט געוואָרן מיט אַ מעדאַל „פאַר העלדנמוט”. צו יענער צײַט פאַרענדיקט אַ פּיעסע „מוטער”, געשריבן אַ דערציילונג, פאַרעפנטלעכט לידער אין זשורנאַל „היימלאַנד” (מאָסקווע), און אין דעם זשורנאַל „דער שטערן” (קיִעוו). אַ באַנד האָפשטיינס „אויסגעוויילטע ווערק” איז דערשינען אין מאָסקווע אין 1948. אָנהייב 1948 אַרײַן אין דער ביוראָ פון דער ייִדישער סעקציע בײַם פאַרבאַנד סאָוועטישע שרײַבערס אין אוסס״ר.

דעם 16טן סעפּטעמבער 1948 איז דוד האָפשטיין אַרעסטירט געוואָרן און דערמאָרדעט געוואָרן דעם 12טן אויגוסט 1952.

ביכער פון דוד האָפּשטיין

בײַ װעגן (לידער) „קיִעװער פאַרלאַג", קיִעװ, 1919

רױטע בליטן (לידער) „קיִעװער פאַרלאַג", קיִעװ, 1920

פון קינדער יאָרן, (פּראָזע), פאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעװ, 1920

גינען־געװעב, (לידער), קלײנע ביבליאָטעק „ליריק", קיִעװ, מעלוכע־פאַרלאַג, 1921

זונען־שלײפן, (לידער), קלײנע ביבליאָטעק „ליריק", קיִעװ, מעלוכע־פאַרלאַג, 1921

װאָלגער־שטײנער, צענטראַלע ייִדישע ביוראָ בײַם פאָלקאָמבילד פון או.ס.ס.ר., כאַרקאָװ, 1922

טרױער, (לידער), „קולטור־ליגע", קיִעװ, 1922.

שטאַם, אַזכּרה, האָפּשטײן־קושניראָװ, (לידער) פאַרלאַג „שטראָם", מאָסקװע, 1922

געזאַמלטע װערק, ערשטער באַנד: ליריק, „קולטור־ליגע", קיִעװ, 1923

אין טאָװל פון װענט (לידער), פאַרלאַג „פונקען", בערלין, 1923

בײַ װעגן (לידער), פאַרגרעסערטע אױסגאַבע, פאַרלאַג ב. קלעצקין, װילנע, 1924

אױף ליכטיקע רױִנען (לידער), „שול און בוך", מאָסקװע, 1927

ספּאַרטאַק (אַ פּיעסע פאַר קינדער), װײַסרוסישער מעלוכע־פאַרלאַג, מינסק, 1929

פון אַלע מײַנע װעלטן (לידער), מעלוכע־פאַרלאַג, כאַרקאָװ, 1929

געזאַמלטע װערק (לידער), צענטער־פאַרלאַג, מאָסקװע־כאַרקאָװ־קיִעװ, 1930

געקליבענע לידער, צװײטער באַנד, צענטער־פאַרלאַג, כאַרקאָװ־קיִעװ, 1931

אָרקעסטראַ, (לידער), „ליטעראַטור און קונסט", כאַרקאָװ, 1933

פרײד פון נײַעם זײַן, (לידער), פאַרלאַג „עמעס", מאָסקװע, 1933

נאַװיגאַציע (פּאָעמע פאַר קינדער), פאַרלאַג „עמעס", מאָסקװע, 1934

לידער, מעלוכישער ליטעראַרישער פאַרלאַג, קיִעװ־כאַרקאָװ, 1935

קיִעװ (פּאָעמע), אוקרנאַצמינדפאַרלאַג, קיִעװ, 1936

געקליבענע לידער, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, קיִעװ, 1937

אין אונדזערע טעג, (לידער), אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, קיִעװ, 1939

לידער און פּאָעמעס, מעלוכישער ליטעראַרישער פאַרלאַג, קיִעװ, 1939

די הילצערנע לעפל (פאַר קינדער), שול־ביבליאָטעק, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, קיִעװ 1940

איך גלײב (לידער), „דער עמעס", מאָסקװע, 1944

איך גלױב, (לידער), „איקוף־פאַרלאַג", ניו־יאָרק, 1945

געקליבענע װערק, „דער עמעס", 1948

געקליבענע װערק, פאַרלאַג „סאָװעטסקי פּיסאַטעל", מאָסקװע, 1968

אינהאַלט פון באַנד צוויי

ג

פאַרבאָרגענע שיַין

1932—1929

פון אַלע מיַינע וועלטן

ד

איך גלייב

1948—1933

פרייד פון נײַעם זײַן

אין אונדזערע טעג

איך גלייב

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען, אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישׂראל
ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן
רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן, לידער
מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי, יידיש — ד. שטאָקפיש
רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייַזער, עסייען
רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן, לידער
ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים, דערציילונגען
יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן, לידער
משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז, דערציילונגען
אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאַן, פּאָעמע, צייכענונגען יואב שועלי
רפאל מאַהלער / ספר סאַנק, היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות
משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט, דערציילונגען און מיניאַטורן
אריה שמרי / געזאַנגען אין שייַער, לידער און פּאָעמעס
מנוחה ראָם / אַרום דער ווערבע, דערציילונגען
משה זאַלצמאַן / ... און מען האָט מיך רעהאַבילירט
איבערלעבונגען פון אַ יידישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד
אברהם שלאָנסקי / לידער, אָפּקלייַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
יידיש — משה יונגמאַן
משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרייַבן, עסייען און פּראָפילן
רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער, לידער ,
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן, לידער
מלכּה חפץ־טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט, לידער
ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד : אַ פרעמדע וועלט ; אין נייַעם לאַנד, ראָמאַנען
ישעיהו שפּיגל / די קרוין, דערציילונגען
משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס, לידער
דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור, לידער און פּאָעמעס
יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג, לידער
נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט, עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל
אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט, דערציילונגען
משה זלצמן / וזכיתי לריהאבילטציה, מיידיש — גרשון לימור
מלכּה חפץ־טוזמאַן / אונטער דייַן צייכן, לידער
רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות, וואַרשע 1933—1943
יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס, דרייַ בענד
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק
מאיר חריץ / לידער צו אייגענע, לידער און פּאָעמעס
אריה שמרי / רינגען אין שטאָם, לידער און פּאָעמעס, צייכענונגען — ב ע ן
יעקב י. מייַטלים / אין גאַנג פון דורות, עסייען
יהודה לייב טעלער / דורך יידישן געמיט, לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פון קאָצק, פּאָעמע

שלמה שטאָקפיש — אין ראַד פון צאָרן
איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

ישעיהו שפּיגל / שטערן לײַכטן אין תהום, געזאַמלטע דערציילונגען — 1940־1944
צוויי בענד. שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון בען

חיים זעלצער / פון היימישן ברונעם, לידער און באַלאַדן. צייכענונגען פון מחבר

י. ח. בילעצקי / איציק מאַנגער, פּרקי מסה

אַברהם נאָווערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע
רשימה פון אַ. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע
און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן

לייב אָליצקי / פון דער היים און פון דער פרעמד, דערציילונגען

הירש אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט, לידער און פּאָעמעס

רחל קאָרן / פאַרביטענע וואָר, לידער
פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אַרי

משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס

בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ

יעקב צבי שאַרגעל / פון אַנהייב אָן, עסייען ,

רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ וואַרשע און אויף דער אַרישער זײַט.
וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפ. דב סדן און ד״ר יוסף קערמיש

דוד האָפּשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע
האָפשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור,
הלל האָפשטיין און ה. אינגער